פירצענטער יארגאנג

№ 2 Opłata pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

Bibljot. Jagiellońska Kraków Św. Anny 19

טשענסטאכאווער צייטונג

ערשיינט יעדען פרייטאג.

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

אלעע 6. — טעלעפאן 201

Piątek, 11 stycznia 1935 — ליכט-צינדען 3.31 — פרייטאג פ׳ בא ז׳ שבט תרצ״ה.

דאנקזאגונג.

דערמיט דריקען מיר אויס אונזער הערצליכען דאנק דעם ה׳ לעאן יאקובאוויטש און פרוי אויך די אלע איבריגע, וואס האבען זיך בעטייליגט אין דער פארשטעלונג, און אויך די, וואס האבען מיטגעווירקט צום ערפאלג פון אונזער יובילעאום-פייערונג און געשפענדעט צום בופעט.

פרויען-פעראיין „בית לחם"

אין וויעלון.

Dźwiękowe kino „Miraż"

w Wieluniu.

יעדער וויעלונער יוד מוז געהן זעהן דעם הערליכע יודישען פילם

יוסף אין מצרים

וואס ווערט דעמאנסטרירט ביז שבת, ד. 12 ד. ח.

5000 מענשען נעמען אנטייל אינ׳ם ריזיגען קונסטווערק.

דאס רעדען און זינגען — אין דער יודישער שפראך.

אנהויב פון די סעאנסען: פרייטאג 8-30, שבת 6-30 און 8-30

אכטונג וויעלון!

דערמיט מאך איך בעקאנט, דאס מיין **שיך-געשעפט** איז פון 1 גענוארען איבערגעטראגען פון שלאנסקא 3 אויף **פלאץ לעגיאנוב 7.**

מיין שיך-געשעפט איז פערזעהען מיט א רייכען אויסוואהל פון אלע זארטען דאמען, מענער און קינדער-שיך. סאלידע אויספיהרונג. גוטע קוואליטעט. בעסטע בעהאנדלונג. אויך ווערען אויסגעפיהרט אלערליי שיך-רעפעראציעס.

איסר אלטמאן, וויעלון.

Dr. med. Jakób Zand

choroby wewnętrzne

przeprowadził się

na ul. N. P. Marji 1, róg N. Rynku

Telefon 21-65

FARBIARNIA, PRALNIA CHEMICZNA „KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

מיר נעמען אן צו וואשען **קראגענס** מיט לאנג-דויערענדען שפיגעל-גלאנץ, אויך נעמען מיר אן **כעמיש** צו רייניגען און צו פארבען אלערארט קליידונג.

ספעציאליטעט: 1) פארבען לעדערנע קורטקעס, 2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען).

אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן ארט

פוטערס

אמביליגסטען אין דער פירמע

MICHAŁ AJDELMAN

Częstochowa Piłsudskiego 7

טעל. 13-05, 1-טער שטאק, פראנט.

Tańców: modnych, zwykłych

clou sezonu „CARIOCA" salonowa, wyucza w kompletach, oddzielnie

baletm. K. KOSTECKI,

ul. Waszyngtona 6.

Zapisy na kursy codziennie od 10 rano do 9 wiecz. Opłata niska.

פראקטישע לעקציע יעדען שבת פאר יודישע געזעלשאפט אנהויב 8 אווענד.

לעצטע מוזיק-שלאגערס. צוגענגליכער אפצאל.

פייערלעשער-זאל. היינט, פרייטאג 11 יאנואר

קומט פאר די **לאנג-ערוואַרטעטע טעאטער-פארשטעלונג**

פון דער בעריהמטער רעפארטואַז-פיעסע פון דער סאוויעטישער שרייבערין ס. לעוויטינא

דער אורטייל

אין 3 אקטען און 6 בילדער. אויסגעפיהרט דורך די בעסטע קרעפטען פון

היגען דראמאטישען קרייז.

רעזשיסירט איז די פיעסע דורכ׳ן ארטיסט פון לאדזשער קאמעראל-טעאטער **משה קאהן.**

„דער אורטייל" דארף יעדער זעהן. דאס איז א פיעסע, אין וועלכער עס שפילט זיך אב דער בירגער - קריעג אין רוסלאנד אין די יאהרען 1918—1920. א פיעסע מיט שטארקע עמאציעס.

אייגענע קאסטיומען, דעקאראציעס, מוזיק, רוסישע לידער און טענץ.

אנהויב פונקטליך 8-30 אווענד. דער זאל איז בעהייצט. די ארדנונג — געזיכערט.

בילעטען פון 80 גר. ביז 2 זל. שוין צו בעקומען אין דרוק. פון ה׳ באטשאן און אין קאסע.

Z intencji zaręczyn kolegi mojego STANISŁAWA GRAJCARA z p. ZOFJĄ MESTLÓWNĄ z Sosnowca życzę szczęśliwej przyszłości.

E. Bocian.

צו דער חתונה פון אונזער פריינדין **רבקה שמולעוויטש**

מיט **שלמה רושעצקי**

אונזער הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט, ווינשען

שייעק, שימעק, אבראמעק, מעניעק.

הננו מברכים בברכת מזל-טוב חמה את ידידינו כמר החתן **חיים ישראל שווארצבוים** מציגנשטאכוב לרגלי נשיאו עם מרת ה״ה **פריידע שצעקאץ**

יהא רצון שדרכם סוגה כשושנים ויזכו לבנות ביתם בתוך עירא ציון וירושלים.

משה יאקובאוויטץ ורעיתו.

צו דער חתונה פון ה׳ **חיים ישראל שווארצבוים**

מיט פרל. **פריידע שצעקאץ**

ווינשען מיר א הערצליכען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט.

פערסאנאל פון דער פירמע שווארצבוים.

דער פוטער-סקלאד

MAURYCY KORNBERG

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. Tel. 22-59.

עמפפעהלט אויפ׳ן לויפענדען סעזאן

אלע סארטען פוטערס צו קאנקורענץ-פרייזען.

דער בעקאנטער לאנגיעהריגער סקלאד פון

ספרים, טליתים, שרייב-מאטעריאלען און קאלעקטור

פון הרב יוסטמאן

איז איבערגעטראגען געווארען אין א נייעם לאקאל אין צענטר שטאדט אויף **אלעע 1 №, אין באזאר** (נייער מארק)

מיר עמפפעהלען צו די **ביליגסטע פרייזען** אלערליי ספרים, טליתים, ט״ק, קאפלען, גארטלען, ציצית מזוזות, לערן און לייען-ביכער אין העברעאיש, יודיש און פויליש.

א גרויסער אויסוואהל פון **טעגליכע און וואכען-קאלענדארען.**

גליקליכע לאסען פון דער פוילישער מלוכה - לאטעריע.

ראטעוועט דאס געזונד!

א קראנקער מאגען איז אפט די סיבה פון פערשידענע קראנקהייטען

Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera

זענען א גוט מיטעל צום רעגולירען דעם מאגען. זיי בעזייטיגען אבסטרוקציעס און זענען א מילד נאטירליך אבפיהר-מיטעל. בעזייטיגען די פוילונגס - סובסטאנצען, וועלכע פערגיפטען דעם ארגאניזם.

Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera

ווערען געברויכט ביי קראנקהייטען פון דער לעבער, בירען, גאלשטיינער און מערידען, ווערען גערן גענומען דורך די קראנקע.

צו דער פערלאבונג פון מיין חבר **משה באבראווסקי** (וויעלון)

מיט פרל. **העלא יאקוב** (וויערושאוו)

ווינשט א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט.

יעקב שצופאק, וויעלון.

דרך חיים צלחה

הנני מברך את מר **חנוך ערליך**

לבואו בברית הנשואין

יוסף שאיא.

אל נשואיו של שארנו **העניך ערליך** (וויעלון)

עם העלמה **ברוניה קויפמאן** (קאליש)

הננו מברכים אותם בברכת מזל-טוב ובעתיד מזהיר.

יצחק הירשברג ורעיתו, מוריץ לבקוביץ ורעיתו, וויעלון.

MANIA RUBINSZTAJN Radomsko — **SZAJA JELIN** Częstochowa

ZARĘCZENI

w styczniu 1935 r.

צו דער תנאים פון אונזער הייסגעליבטען זוהן און ברודער

ישעיהו יעלין מיט פרל. **מאניא רובינשטיין**

אונזערע הארציגסטע ברכות און א בליהענדע צוקונפט

ווינשען

עלטערן און **ברידער.**

צו דער תנאים פון אונזער ליעבען פריינד **ישעיהו יעלין**

מיט פרל. **מאניא רובינשטיין**

א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען

איזאק פראנק, משה הערשליקאוויטש.

Mojemu drogiemu przyjacielowi SZAJI JELINOWI z intencji Jego zaręczyn z p MANIĄ RUBINSZTAJN składam najserdeczniejsze życzenia szczęścia

M. SUŁKOWSKI.

א נאכאלניק

אויף דער קעט

קומט פערזענליך קיין טשענסטאכאו.

וואו?... ווען?...

---

3 ciekawe pytania

3 אינטערעסאנטע פראגען, וועלכע וועלען די פרוי געוויס אינטערעסירען וועט די פרוי געפינען אין דעם פרעמיע-קאנקורס, וואס איז אויסגעשריבען דורך די פאבריק קאלאנטאי. פאר די 916 בעסטע ענטפערס איז געווארען בעשטימט א פרעמיע אין דער ווערט פון 6000 זל. דעם אויבענדערמאנטען פראספעקט קאן מען בעקומען ביי יעדען סוחר, וואס פיהרט זייף קאלאנטאי.

o mydle Kollontay z pralką

---

idealem palaczy są gilzy **TYTONIÓWKI** żądać wszędzie

הננו מביעים את השתתפותנו בצערו הגדול של **משה לעווקאוויטש** על מות עליו

נ״ע אביו

הישר באדם בעבודתך לרעיון תורה ועבודה תנוחם.

הסתדרות הנוער של תורה ועבודה, בווילון.

יודען בעטען ברויט.

דעם דורכשניטליכען בירגער איז גישט בעוואוסט, ווי אזוי עס זעהט אויס די לאגע פון א גרויסען טייל פון אונזערע יודען, וועלכע בעטען פשוט א שטיקעל ברויט צו דערהאלטען דאס לעבען פון זייערע ווייבער און קינדער.

דער פשוט'ער בירגער, וועלכער ציהט ארויס פרנסה פון זיין מסחר אדער האנדווערק, האט נישט קיין צייט זיך ארומצוקוקען, וואס עס טהוט זיך ארום איהם. אונזערע גרויסע קארטען-קעפ זענען ווידער פערנומען מיט העכערע ענינים, זיי פיהרען פאליטיק אדער כבוד-קאנקורענץ און פאר זייערע אויגען שוועבט אינגאנצען גישט דאס טרויעריגע בילד, וואס איז היינט א טאג-טעגליכע ערשיינונג פון א גרויסען טייל פון אונזערע יודען אין שטאדט.

וויל מען וויסען, ווי אזוי די לאגע זעהט אויס אין דער ווירקליכקייט, דאן קומט אקארשט אין דער געזעלשאפט „תומכי עניים", וועלכע צוטיילט יעדען שבת פארציעס פאר 250 בכבוד'ע פאמיליעס: ברויט, חלות און טיילווייז פאר קראנקע אויך אייער און צוקער.

די דאזיגע געזעלשאפט, וועלכע האט נישט קיין ספעציעל-געצאהלטען סעקרעטאר און האט נישט קיין ספעציעלען לאקאל, טהוט-אויף א גרויסע ארבייט. זי גיט די מעגליכקייט איבער טויזענד נפשות צו האבען א שטיקעל ברויט און אט, ווען מען קוקט זיך צו, ווי אזוי עס קומען מאמעס מיט די קינדער אויף די הענד און בעטען זיך: „גיט מיר אויך א פארציע, נישט פאר זיך, איך קאן הונגערן, אבער לאזט נישט הונגערן מיין קינד" — געהט אדורך א שוידער דורכ'ן לייב, פיהלט מען דעם גאנצען גרויל, אין וועלכען מיר לעבען.

מענשען האבען זיך אין די צייטען פון דער מלחמה און נאך דער מלחמה אויסגעלערנט צו הונגערן אין פשוט'ען זין פון ווארט. ווען מען זעהט די מחנה מקבלים פון דער „תומכי עניים" געזעלשאפט, דאכט זיך אויס, אז מ'זעהט געשפענסטער, וועלכע שלייכען זיך אדורך דורך דער וועלט שטילשווייגענד.

די „תומכי עניים" איז היינט-צו-טאג די איינציגע אינסטיטוציע, וואס טהוט אויף גרויסע מעשים, זי גיט א שטיקעל ברויט דעם נצרך, זי דערהאלט ביים לעבען 250 משפחות, צווישען וועלכע עס געפינען זיך קינדער — פון א זיכערען טויט.

דערביי איז כדאי צו בעמערקען, אז נאך נישט ביי אלע איז רייף דער בעוואוסטזיין אונטערצושטיצען די דאזיגע געזעלשאפט. לויט אויכרעכנונג בעקומען די „גוט-שבת-יודעלעך" (אזוי רופט מען די מיטגלידער פון „תומכי עניים") פון א זעהר קליינער טייל יודישער בעפעלקערונג אונטערשטיצונגען, אינדערצייט, ווען די נצרכים מעהרען זיך פון טאג צו טאג.

איך האב געזאגט, אז דאס איז די איינציגע אינסטיטוציע וואס גיט דירעקטע הילף, ווייל ליידער קאן מען נישט אנווייזען קיין אנדערע אינסטיטוציע, וועלכע זאל האבען געזארגט דערפאר, אז אויף דעם שווערען ווינטער זאלען די ארימע בכבוד'ע פערזארגט ווערען מיט א שטיקעל קויהל אדער קארטאפעל.

איך מיין אין דעם פאל דעם „בית לחם" און „דאבראטשיננאשטש", וועלכע האבען פראקלאמירט א קויהלען-און קארטאפעל-אקציע, און נישט קוקענדיג דערויף, וואס ס'הערשען היינט גרויסע פרעסט, הערט מען נישט, אז מען זאל אין דער דאזיגער הינזיכט עפיס טהון. דערביי זענען זיי בעגאנגען אן'אונפערצייהליכען פעהלער, וואס זיי האבען נישט מסכים געווען מיט דער אינציאטיוו פון היגען רב שליטא, וועלכער האט נאך מיט עטליכע חדשים צוריק געוואלט שאפען א ברייטערען קאמיטעט פאר דער דאזיגער אקציע, וואס וואלט זיכער געקרוינט געווארען מיט ערפאלג.

קורץ, ווי מיר זעהען זענען אונזערע בכבוד'ע ארימע יודען געבליבען אויף דעם היינטיגען ווינטער, וועלכער זאגט צו צו זיין זעהר א שווערער, אהן קויהלען און אהן קארטאפעל און קיינער נעמט נישט די אינציאטיוו עפיס צו טהון. די לאגע איז קאטאסטראפאל, יודען הונגערן, יודען פריהרען, יודען בעטען ברויט און דאס איינציגע, וואס זיי בעקומען איז נאר פון די „תומכי עניים", וועלכע גיבען ראדיקאלע הילף.

וואס איז די עצה? נישטא קיין עצה, סיידען אויב ס'וועלען זיך געפונען עטליכע דרייסטע, ערנסטע מענשען, וועלכע וועלען נאך עפיס טהון. דערווייל אבער מוז מען אויפפאדערען דעם יודישען עולם, אז זיי זאלען אונטערשטיצען דעם „תומכי עניים", די „גוט שבת יודעלעך", וועלכע זענען זיך מוסר נפש, לויפען ארום אלע שבת אין די גרעסטע קעלטען איבער די הויפען נאך חלות און ברויט. שטיצט זיי אונטער, ווייל פון דעם געניסען, ווי כ'האב פריהער געזאגט, נישט בלויז עלטערע, נאר אויך הונגעריגע קינדער — איהר הערט, יודען — הונגעריגע קינדער!

העלפט, ווען יודען בעטען ברויט!

ש.

פ. בלומענקראנץ.

צו די אויפטריטען פון א. קאמינסקא

(נאטיצען).

ס'איז זעהר אפט שכיח ביי ארומפאהרענדיגע טעאטער-טרופעס, אז דער סטאר שאפט זיך אן'אנסאמבל פון דריטראנגיגע שוישפילער און איז מזכה אחינו בני ישראל מיט טעאטער. טרעפט זיך שוין, אז דער גאנצער צוזאמענשטעל איז א נישקשה'דיגער, איז ווידער דער רעפערטואר נעבעכדיג, ווארום וועלענדיג אויסקאלקולירען אי ביליגע גאזשעס און אי א קליינע צאהל פון מיטפאהרענדע, מוז מען צופאסען דעם רעפערטואר צו דער צאהל מענשען און במילא קומען ארויס פערשידענע חלשות'ן. (ראיות זענען איבריג. מ'קען עס פארווארפען בארטאווו'ן, לאמפע'ן און אפילו א. קאמינסקא פון די פוריגע אויפטריטען).

מיר האבען אבער געמוזט גאך דער אויפפיהרונג פון דער דראמע „מוטערשאפט" אנהויבען צווייפלען אין אונזער מסקנה, יעדענפאלס געמילדערט אונזערע טענות. מיר האבען מיט סאטיספאקציע פעסטגעשטעלט, אז בנוגע דער דאזיגער אויפפיהרונג לכל הפחות זענען אונזערע טענות נישט קיין בעגריגדעטע. דער אויסוואהל פון דער דערמאנטער דראמע איז לחלוטין א געלונגענער. דאס ווערק פערמאגט פיינע פסיכאלאגישע סצענעס, שטארקע דראמאטישע מאמענטען, סצעניש פיין געבויט און בעהאנדעלט אן'ענין לגמרי נישט קיין באנאלען.

אויך דער אנסאמבל-צונויפשטעל (י. גרודבערג, עני ליטאן, מ. מעלמאן און י. סטרוגאטש) איז א נישט-קשה'דיגער. ס'איז, לויט אונזער מיינונג, א גרויסער טעות פון געוויסע אקטיארען, וועלכע בעמיהען זיך טיילמאל בכונה ארומצורינגלען מיט צווייפעלהאפטע טאלענטען, אום זייער שוישפילערישער כח זאל ארויסקומען בולט'ער. אונז דוכט זיך, אז דער אמת-בעגאבטער אקטיאר, וועלכער זוכט חוץ געלד אויך אויסלעבונג אויף דער סצענע, דארף און מוז דאס דאזיגע אויסמיידען בכל הכוחות, ווארום דאס ארומדרעהען זיך פון דרעגער צוזאמען מיט איהם אויף דער סצענע, מוז דאך אוועקנעמען דעם גוטען אקטיאר דעם ברען. צוליעב'ן פעהלען פון צוזאמענשפילען מוז דאך דער אמת'ער שוישפילער אויך פאלען ביי זיך און זיין התעוררות וועפט זיך דאך סוף כל סוף אויס.

א. קאמינסקא האט (אין א געוויסער מאס) דאס דאזיגע געגומען אין אכט און דערמיט טאקי גורם געווען, וואס די פארשטעלונג האט פערשאפען אזוי פיעל נחת-רוח און ארויסגערופען ביים עולם בעגייסטערונג אפילו.

און איצט א. קאמינסקא'ס שפיעלען גופא!

מיר האבען זי שוין פיעל מאל געזעהן. אפילו איהרע בעוועגונגען און אופנים פון רעאגירען זענען אונז בעקאנט, אבער דאס מינערט גארנישט דעם איינדרוק און אינטערעס צו דער דאזיגער הויך-קולטורעלער און אויסערסט-בעגאבטער שוישפילערין. זי צעטרייסעלט אונז אין געוויסע מאמענטען מיט איהרע געוואלדיגע עקספרעסיע-מעגליכקייטען און שוישפילערישער קראפט.

מיר ווערען מיטגעריסען מיט דער שטארקייט פון איהר טאלענט, מיט דער עכטקייט פון איהר שפיעלען און זי איז ביכולת ארויסצוקוועטשען א טרעהר אפילו ביי דעם איבערקלויבערישען און ראפינירטען צושויער!

מיר שטרייכען אונטער דעם אקארשט ארויסגעזאגטען זאץ, ווייל א סך ארטיסטען מאכען וויינען. אבער עפ"י רוב דעם עולם, אויף וועלכען מען קען ווירקען מיט ביליגע מיטלען, מיט שרייעריי מיט קול-קולות'דיגקייט. אבער צעטרייסלען דעם ראפינירטען צושויער, וועלכע, טראץ זיין גלייכגעוויכט, איז דער אקטיאר בכח ארויסצורופען ביי איהם די אויסלייזענדיגע און לייכט-מאכענדיגע טרעהר — איז עס א כח, א פועל יוצא פון אמת'ער בעגאבונג, פון גרויסער ארטיסטישער קראפט, וואס לאו כל אקטיאר זוכה!

און א. קאמינסקא בעווייזט עס און דוקא טיט פשוט'ע מיטלען, מיט לחש'דיגע ווערטער און דער עיקר א דאנק איהר אדורכוועהטאגען און אדורכצער'ן אויף דער סצענע אונזערע פיין און צער, אונזערע בענקענישען און בעגעהרען, אונזערע שטייגונגען און ירידות. מיר לעבען מיט איהר מיט און פערגעסען, אז מיר זיצען אין טעאטער...

* * *

אבער (ליידער איז פעוהאן אן'„אבער") די אנערקענונגס-ווערטער קענען נישט חל זיין אויף דער צווייטער אויפפוהרונג פון דער ביי אונז שוין בעקאנטער קאמעדיע „פרוי אדוואקאט".

מיר מוזען צום בעדויערען זאגען, אז די צווייטע פארשטעלונג האט ביי אונז אבגעקיהלט א שפאר ביסעל דעם פריהער אנגעזאמעלטען התלהבות.

הגם מיר האבען ווייטער אבסאלוט דעם זעלבען רעספעקט פאר די לייסטונגען פון א. קאמינסקא און פולסטע אכטונג פאר איהר גרויסען שוישפילערישען טאלענט, האט פונדעסטוועגען די פארשטעלונג דערמאנט אונז אין די ארויסגעזאגטע פון אנהויב ספקות, וועלכע האבען דאך א יסוד...

ווארשיינליך האט א. קאמינסקא אינ'ם פאל פערגעסען אינ'ם אלטען יודישען כלל פון איזהו חכם המכיר את מקומו. איהר ארט, משמעות, איז נישט אין דער קאמעדיע און דעריבער קומט איהר טאלאנט דארט נישט צום אויסדרוק.

אבער דאס געזאגטע איז נאך נישט אלץ. ווארום אויב א. קאמינסקא איז נישט געווען אזוי-צו-זאגען „אינדערהיים" האט דער אנסאמבל נאך שוואכער געשפילט (די חשוב'ע גאסטראלערען וועלען מיר מוחל זיין פאר מיין דרייסטקייט).

מיר האבען, אגב, געזעהן די דאזיגע קאמעדיע אין היגען קאמעראל-טעאטער און מיר מוזען מודה זיין, אז זי איז דורך די היגע כחות בעדייטענד בעסער אהערגעגעבען געווארען.

בעזונדערס האט בכלל נישט געשפילט י. סטרוגאטש. מיר האבען צו איהם געהאט טענות אויף דער ערשטער אויפפיהרונג, וועלכע מיר האבען געוואלט בכח פערענטפערן. די צווייטע פארשטעלונג האט אבער געוויזען, אז אונזערע חשדים זענען געווען ריכטיגע. זיין שפילען האט פשוט דערמאנט אין שלעכטער אמאטארישקייט. זעהט זיך אויס, אז סטרוגאטש איז טאקי א פיינער רעווי-ארטיסט, הארציגער לידעל-זינגער אבער שוואכער דראמאטישער ארטיסט. מיר זענען געזעסען און געשטוינט: הזה סטרוגאטש? ס'איז פשוט געקומען אויפ'ן געדאנק, אז ער וויל זיך אפשר נישט אנשטרענגען...

בקיצור: די צווייטע פארשטעלונג האט געמאכט אן'איינדרוק פון אן'אבקומעניש. מעגליך, אז די שוואכע פרעקווענץ האט גורם געווען דאס „אבי-געשפילט-זאל-ווערען", אבער דאס איז נישט קיין תירוץ.

* * *

מיר האבען געפיהלט אלס חוב צו זאגען צום סוף די דאזיגע נישט אנגענעהמע ווערטער טאקי צוליעב אונזער בעציהונג צום יודישען טעאטער און אנערקענונג פאר א. קאמינסקא. נאבלעס אבליזש!

מיר האבען אבער געמאכט די אויבערשטע בעמערקונגען מיט דער איבערצייגונג, אז להבא וועט א. קאמינסקא בעמיהען זיך דאס אלץ אויסצומיידען און געבען אונז פארשטעלונגען, וואס וועלען נאך איבערשטייגען די גלענצענדע אויפפיהרונג פון דער דראמע „מוטערשאפט".

מיר קענען עס דאך מיט זיכערקייט דערווארטען פון דער דאזיגער העכסט-בעגאבטער ארטיסטין!

פערביינגעהענדיג.

ער מוז זיך פערזיכערן...

פאלט אריין צו מיר מיין שכן גרונם פלטיאל מיט א ירגזון, אזוי ווי כ'וואלט איהם, כ'ווייס וואס, כאטש די האנדווערקער-קארטע אוועקגענומען. וואס האט איהר פון אונז געוואלט — שרייט ער מיט נישט קיין מענשליכען קול — וואס האט איהר זיך אנגעזעצט אויף אונזער ביסעל יאהרען, וואס מיר זעהען אייך צופיעל אין די אויגען, וואס איהר ווילט פון אונז פטור ווערען?

— ווער, וואס — ווער איך דערשראקען אויף טויט — וואס האב איך אייך געטהון און ווער וויל פון אייך פטור ווערען.

— איהר — שטעלט ער זיך אויף און קוקט מיך אן מיט גזלנישע אויגען, נאר איהר מיט אייערע גאזעטען מאכט אומגליקליך א וועלט מיט מענשען און מיך מיט מיינע קינדער בתוכם.

— וואס איז געשעהן — האלט איך שוין נישט אויס — ארויס מיט לשון, זאל מען געוואויר ווערען וואס אייך דריקט און מיט וואס איך בין שולדיג אין אייער אומגליק?

— אט די קראנקען-קאסע מיט איהרע נייע פאזשאנדקעס קענען חרוב מאכען א מענש, אזוי אז קיין האהן זאל נישט קרעהען און אט הערט, אדרבה, וואס ביי מיר האט געטראפען: ווי איהר ווייסט איז מיין טאכטער א ביוראליסטקע און זי איז פערזיכערט אין דער „אובעזפיעטשאלניע", צו איהר ביכעל זענען צוגעשריבען איהרע עלטערן, וועלכע זי האלט אויס. טראכט איך זיך וואס ארט עס אונז, אז מיר קאנען אומזיסט קרענקען, אויב מיר האבען נישט קיין פרנסה זאל מען כאטש בריות קרענקען. נו, נו, האבען מיר זיך אנגעארבייט אן'עסק: פאר א וואך צוריק האט מיין טאכטער בעקומען צאהן-וועהטאג, איז זי מסתמא אוועק צום דאקטאר פון איהר ראיאן, האט זי דער דאקטאר נישט געפרעגט קיין שאלות און זי געהייסען אויסטהון. ווערט דאך מיין טאכטער אין כעס פאר דער דאזיגער חוצפה און וויל איהם אויסזידלען, נאר יענער הויבט-אויף זיין קול און לאזט זי נישט קומען צום ווארט: אויסטהון! — שרייט דער דאקטאר — אויב נישט וועל איך בעטראכטען אן'אנדערן, ווארום אין קארידאר זענען געשטאנען הונדערטער מענשען און געווארט אויף זייער רייה. לאין ברירה האט מיין טאכטער זיך געלאזט בעטראכטען פון דאקטאר, וועלכער האט פאר זיין „באדאניע" בעקומען צוויי פייערדיגע פעטש, אז ער האט געזעהן די עלטער-באבע פאר די אויגען און מיין טאכטער איז אהיימגעקומען און בעקומען ספאזמעס.

וואס ווייזט זיך ארויס, אז דער דאקטאר פון איהר ראיאן איז גאר אן'אקושער-דאקטאר און אויס געוואוינהייט בעטראכט ער זיינע פאציענטען לויט זיין שטייגער...

איצט וועט מיין טאכטער האבען א פראצעס פאר פאטשען א דאקטאר און ווער ווייסט מיט וואס דאס וועט זיך ענדיגען.

— אט דאס — שרייט גרונם פלטיאל — זענט איהר שולדיג, איהר מיט אייערע צייטונגען, ווייל איהר שרייבט, אז מען זאל זיך ווענדען צו די ראיאן-דאקטוירים, טא וואס וועט זיין, ווען מיין ווייב וועט דארפען געהן צום קינד און אונזער ראיאן געהער גראד צו א האלז און אויערען דאקטאר, טא ווי אזוי וועט ער אננעמען ס'קינד; אדער ווען עמיצער ווערט חלילה קראנק אויפ'ן מאגען און דער ראיאן-דאקטאר איז א כירורג, וועט ער מסתמא נישט מאכען קיין שהיות, נעמען ס'מעסער און אויסשניידען דעם מאגען...

אט דאס זענען אייערע פאזשאנדקעס און דאס זאל הייסען אייער פערזיכערונג אין פאל פון א קראנקהייט, דאס זענען דאקטוירים? זיי קאנען דאך אומברענגען א מענש, אז קיין האהן זאל נישט קרעהען.

— טא וואס בין איך שולדיג — פרוב איך זיך צו פערענטפערן — צי קאנען מיר דען דאס איבעראנדערשען, דאס איז דאך א פעראָרדנונג און מיר מוזען זיך צו די געזעצען צופאסען.

— ניין, ניין און נאכאמאל ניין — שרייט אויס מיין שכן — עס איז גישט קיין הפקר-וועלט, א וועלט מיט מענשען וועט זיך נישט לאזען אומברענגען. מען דארף פראטעסטירען, איהר דארפט אויפהויבען א פראטעסט-אקציע אין דער צייטונג אין נאמען פון די פיעל טויזענדער פערזיכערטע, ווארום אויב עס וועט בלייבען אזוי לויט דער נייער פעראָרדנונג, דארפען מיר זיך געזעגענען מיט'ן בינטעל יאהרען, וועלען מיר פאלען אזוי ווי די פליגען, סיידען אז עס וועט זיך גרינדען א געזעלשאפט, וואס וועט אונז פערזיכערן, דאס מיר וועלען איינגאנצען זיין געזונד, ווארום אויב חס-ושלום עמיצער פון אונזער הויז-געזונד ווערט קראנק, זענען מיר פערלוירען.

איך האב צוגעזאגט מיין שכן צו שרייבען און צו אגיטירען דערפאר, אז ס'זאל זיך גרינדען אן'אסעקוראציע-געזעלשאפט, וואס זאל פערזיכערן די מענשען, אז זיי זאלען נישט קראנק ווערען.

מיין שכן גרונם פלטיאל וועט זיין דער ערשטער מיטגליד.

ער מוז זיין פערזיכערט...

פאמעראנצען.

דאס איז געווען א פרי פאר יחידי-סגולה, איבערהויפט פאר קראנקע קימפעטארינס און נאך אזעלכע מסוכנ'ע חלושים, וואס מיט א פאמעראנץ האבען זיי זיך דערכאפט ס'הארץ. בכלל האט מען א פאמעראנץ געהאלטען פאר א לוקסוס-זאך, צו וועלכער נישט יעדער איז זוכה דערויף א ברכה צו מאכען.

פלוצים — א גרויסע בשורה: פאמעראנצען ווערען ביליג. אויס מיוחס יעדער שטערבליכער קאן צוקומען דערצו ומחירו כ"ה גראשען—איין פערטיל זל., ווערט א רעש, א טומעל, ביליג פאמעראנצען, מיר זענען געהאלפען און באלד בעווייזען זיך אין גאס פאמעראנצען-הענדלער מיט קוישען אין די הענד, וועלכע שרייען אויס זייער סחורה: כאפטס אוועק א פאמעראנץ, נאך נעכטען געקאסט 80 גר. און היינט בעקומט איהר פאר 25 גר. און באלד זענען טאקי די פאמעראנצען צוכאפט געווארען. ווען עמיצער האט פערשפעטיגט האט ער שוין געמוזט צאהלען צו 35 גר. פאר א שטיק און מען האט געצאהלט.

דער געלער בייגעל-הענדלער, וועלכער שרייט שטענדיג „אבאזשאנקי שוויעזע", אין וועלכע מען פיהרט עטליכע מאל אין טאג אין קאמיסאריאט אריין, האבענדיג צו איהם טענות, אז דא איז דער קויש גישט ריין, דא איז ס'ווייסע פארטוך פערשווארצט געווארען, האט זיך מיישב געווען און אנשטאט די בייגעל, פון וועלכע ער האט צרות, האט ער אויך אנגעהויבען האנדלען מיט פאמעראנצען, שרייענדיג: טשטערי זא זלאטי און ער פייפט איצט אויפ'ן אוזשאנד זדראוויא...

די ערשטע צייט איז געווארען א בהלה, מען האט געכאפט און ווי די צייטונגען שרייבען האבען די עקספעדיטארען גישט געקאנט אזוי פיעל צושטעלען לויט'ן געברויך און די דעטייל-סוחרים זענען געשטאנען אין לאנגע רייהען פאר די הורט-סקלאדעס און זיך געבעטען כאטש א קעסטעלע פאמעראנצען. דאן איז שוין געקומען א פעראָרדנונג פון סטאראסטא, אז מען זאל נישט אויפשרויפען די פרייזען און ער בעשטימט א געוויסען פרייז.

מיין שכן גרונם פלטיאל מאכט דאס אלץ אוועק מיט דער האנד, דער זול אויף פאמעראנצען איז נאך גארנישט—טענה'ט ער — דאס איז נאך נישט די אמת'ע ישועה. ווען ס'וועט קומען די צייט, אז דירה-געלד, וואסער, עלעקטריע א. ד. גל. וועט ביליגער ווערען ווי פאמעראנצען, וועט מען דאמאלס ערשט רעדען.

א ביטערער יוד, מיין שכן, ער איז נישט בעגייסטערט פאר די ביליגע פאמעראנצען.

סמאל

ש. פייגענבוים

היסטאָרישע רעפלעקסען.

פאַרבען-און קאָלירען-רייך ווי אַ קאַ-לייזדאָסקאָפּ איז די יודישע געשיכטע; גלייכע און קרומע ליניעס, זיגזאַגען און גלייכע וועגען שניידען-דורך און קרייצען-דורך די היסטאָריע פון פאָלק ישראל.

ווי אונזער פּלאַנעט, וועלכער קרייזט אַרום זיך געגענאיבער דער זון אין פערלויף פון מעת-לעת און מאַכט דורך זיין וועג אין דער צייט זיין העל-זוני-גען טאָג און שטאָק-פינסטערע נאַכט, כדי שפּעטער ווידער בעלויכטען צו ווערען מיט די העלע זונען-שטראַהלען און אַזוי ווייטער, אַזוי אויך דרעהט זיך דאס ראַד פון דער געשיכטע, העלע און טונקעלע צייטען, ליכטיגע און פינסטערע תקופות, מאַכען מיר דורך, כדי עס זאָל שפּעטער ווידער ליכטיג ווערען, אַזוי אָהן סוף.

מחשבות'ן, רעפלעקסען שווימען אַרויף אויפ'ן געדאַנק:

שפּאַניען אין יאָהר 1135.

אַ וואָרים זוניג לאַנד, וואו עס איז געבוירען געוואָרען דער גרויסער יודי-שער פילאָזאָף און רעליגיעזער חוקר, אַסטראָנאָם און מעדיקער, פילאָלאָג און מאַטעמאַטיק ר' משה בן מימון, אָדער ווי מ'רופט איהם פּאָפּולער: רמב"ם.

אין דעם וואָרימען שפּאַניען, אין דער שטאָדט קאָרדאָווא, האט ער דאס ער-שטע מאָל די וועלט דערזעהן. ווי שטאָלץ האט געדאַרפט זיין די מדינה, וואס אויף איהר ערד איז דער גרוי-סער דענקער געבוירען געוואָרען.

נאָר הפּנים האבען דאס די שפּאַ-ניער פערשטאַנען אַ סך שפּעטער, ערשט אין אַכט הונדערט יאָהר אַרום, וואָרום דרייצעהן יאָהר שפּעטער (1148) האט ער שוין געמוזט פערלאָזען זיין גע-בורטס-שטאָדט און וואַנדערען פון שטאָדט צו שטאָדט. אין 25-טען יאָהר פון זיין לעבען (1158) איז ער שוין ווייט פון זיין געבורטס-שטאָדט, ווייט פון שפּאַניען. מיר בעגעגענען איהם אין פעז, אַפריקאַ.

עס ווייזט אויס, אַז דאס זוניגע שפּאַניען איז פאַר ר' משה בן מימון גאָרנישט אַזוי זוניג און צאַרט געווען, אַנדערש וואָלט ער אין דער פריהסטער יוגענד נישט גענומען דעם וואַנדער-שטעקען אין האַנד, יעדענפאַלס נישט אַזוי וועלפיש בייז ווי מיט פיר מאות יאָהרען שפּעטער.

עס איז אַפּשר סימבאָליש. וואס אונ-זערע גאונים, אונזערע גייסטיגע ריזען טרייבט מען פון לאַנד צו לאַנד: זאָלען זיי טראָגען ליכט איבער גאָר דער וועלט.

אמת אונזער אויפגאַבע אין לעבען איז נישט קיין מעסיאַנישע, איז נישט צו פערזאָרגען יענעם, מיר זענען קיי-נעם נישט מחויב בעסער צו מאַכען, יעדער איינער האט רעכט צו זיין אַזוי ווי ער פערשטעהט.

— — — — — — — — — — —

דער געדאַנק האט נישט ליעב צו בלייבען שטעהן אויף איין אָרט, אויף איין צייט-אָבשניט, ער האט ליעב בע-וועגונג, ער איז דינאַמיש.

און פרישע מחשבות שטעהען אויף:

שפּאַניען אין יאָהר 1480.

שפּאַניען אונטער דער הערשאַפט פון פערדינאַנד און איזאַבעל.

עס וואָרימט שוין נישט אַזוי ליעב-ליך און צאַרט דאס זוניגע לאַנד אונ-זערע ברידער, ווי דריי הונדערט און פופציג יאהר צוריק. עס בריהען און ברענען די שייטער-הויפענס. גאַנץ שפּאַניען איז העל בעלויכטען פון פלאַ-מען פון אויטאָ-דאַ-פע'ס. אויף אַלע וועגען און שטעגען פון דער דאַמאָלס-דיגער ריזיגער מלוכה רינט בלוט, יו-דיש בלוט איז הפקר, פאַר אַלע איז עס הפקר,

אַזוי האָט זיך דאס שפּאַנישע פאָלק, די „דאָנ"ס און די „גראַנד"ען אָבגע-דיענט פאַר דער קולטור און רייכטום, וואס יודען האבען זיי 'אריינגעבראַכט.

בעדאַנקט, בלוטיג בעדאַנקט...

געשרפה'ט און געהונגערט, ראַבירט און חרוב-געמאַכט אין די טויזענדער און דאס אַלץ אין נאָמען פון יענעם, וואס פרעדיגט ליעבע און רחמנות צום צווייטען, צום נאָהנטען.

אמת, אויך דאַמאָלס אין הייליגען עקסטאַז, מיט פערגלאָצטע אויגען, האָ-בען די פערדינאַנד'ס, איזאַבעלאַ'ס, טאָרקוועמאַדאַ'ס און ווי זיי האבען דאָרט געהייסען, נישט גענומען אַזוי ערנסט זיין, דעם יוד'ס נשמה, צו ראַטעווען ווי זיי האבען שטענדיג איבערחזר'ט גור אַנצושטאָפּען זייערע ליידיגע קע-שענעס מיט אָנגערויבט יודיש האָב און גוטס.

אָבער דאס אַלץ איז געטהון געוואָ-רען אין נאָמען פון עפּיס העכערס, אין נאָמען פון עפּיס אַ אידעאַל.

— — — — — — — — — — —

און ווידער בעוועגט זיך דער גע-דאַנק און פרישע מחשבות שווימען אויף:

שפּאַניען אין יאָהר 1934.

פון דער אַמאָליגער רייכער און קול-טורעלער קאָלאָניאַלער מלוכה איז קיין זכר נישטאָ. דער רייכער, פּרוכטבאַרער דרום-אַמעריקאַנער קאָנטינענט, וואס האט אַמאָל געהערט צו דער גרויסער אימפּעריע, וואס רופט זיך שפּאַניען, האט זיך שוין לאַנג פון איהר מעטראָ-פּאָליע אָבגעריסען און היינט-צו-טאָג שטעהט זי, די שפּאַנישע מלוכה אָרים, איינזאַם צוזאַמענגעבראָכען.

אמת, אויך היינט אין יאָהר 1934 איז רויט דער שפּאַנישער הימעל פון פייער-צונגען, וואס רייסען זיך פון די ברענענדע קלויסטערס און קירכען, ווי מיט פינף און פערציג יאָהר צעהנדליני-גען צוריק האבען זיך געריסען די זעלבע פייער-צונגען פון ברענענדע שוהלען און פלאַקערדיגע מענשליכע קערפּערס, פון פלאַמיגע אויטאָ-דאַ-פע'ס, וואס די זעלבע קירכען און קלויסטערס האבען פאַר אונז איינגעאָרדענט.

מיר דערמאָנען נישט דאס צוליעב שאַדען-פרייד, וואס איז פאַל נישט אונ-זער מדה.

איך וויל נור אויפמערקזאַם מאַכען, דאס געשיכטע איז משפט, גערעכטיג-קייט און גערעכטיגקייט פערשווייגט קיין שום עולה נישט.

היינט, פיער הונדערט און פינפציג יאהר שפּעטער- לייענען מיר אין דער פּרעסע: „די שפּאַנישע רעגירונג ווינשט זיך צו פערבינדען מיט די קערפּער-שאַפטען, וואס אָרגאַניזירען דעם 800-ען געבורטס-טאָג-יובילעאום פון גרויסען יודישען הומאַניסט משה בן מימון, בע-קאַנט אין דער געשיכטע מיט'ן נאָמען מאימאָנידעס, וואס זיין השפעה אויף דער קולטור פון מיטעלאַלטער איז דער „שטאָלץ פון שפּאַניען".

עס איז אינטערעסאַנט צו וויסען, וואס עס וואָלט היינט צו-טאָג געזאָגט זייער קעניגליכע מאַיעסטעט, די גאָט'ס געזאַלבטע תלינים פערדינאַנד און אי-זאַבעלאַ, איבערלייענענדיג אַזאַ מין אויפרוף.

ווי אונזער פּלאַנעט, וואס דרעהט זיך אַ'ום דער זון, האט זיינע פינס-טערע און ליכטיגע צייטען, האט זיין טאָג און נאַכט, כדי שפּעטער ווידער צו זיין טאָג.

אַזוי אויך איז די יודישע געשיכטע.

ד. קאָניעצפּאָלער.

20 יאָהר יודישע האַנדווערקער בעוועגונג, „ראַסנעריזם" און וואָס ווייטער? *)

3.

זעהר שווער איז צו געבען אַנ'ענט-פער אויף דער פראַגע: וואס ווייטער? ווי זאָל זיך יעצט געשטאַלטען און פאָרמירען אונזער בעוועגונג? און נאָך אַ צווייטע פראַגע מאָהנט אַנ'ענטפער. נעמליך: צי דאַרף מען נישט אָנהויבען אויפסניי זיך צו אָרגאַניזירען? ווייל ווי מיר האבען געזעהן פון די פויריגע קאַ-פּיטלען, לעבט די האַנדווערקער-בעווע-גונג איבער אַ שווערען קריזיס, וועל-כער ווערט נאָך שווערער דערמיט, וואס די עקאָנאָמישע פערהעלטנישען פון די יודישע האַנדווערקער ווערען וואס אַמאָל ערגער און אויך זיין אָרגאַניזאַציע, וואס האט איהם שטענדיג געקאַנט מיט וואס עס איז לינדערן די לאַגע אָדער געבען כאָטש די אילוזיע, די האָפנונג, אַז שפּעטער וועט ווערן בעסער, מען וועט איינפיהרען דאס נייע אינדוסטריע-געזעץ א. ד. גל.

אָט די אילוזיעס, ליידער, ווירקען שוין אַבסאָלוט נישט. צוזאַמען מיט דער לעצטער נאָוועלע צום אינדוסטרי-געזעץ שיט זיך אויפ'ן אויסגעמאַטער-טען יודישען בעל-מלאכה אַ האַגעל נייע פּראָבלעמען, פון וועלכע זיין עקאָ-נאָמישע לאַגע וועט אויף אַ האָר נישט געבעסערט ווערען. און פון דער אַנ-דערער זייט האט די יודישע האַנד-ווערקער-אָרגאַניזאַציע לעצטענס נישט יענע גייסטיגע השפּעה, וואס זאָל צו-נויפבינדען די גרויסע האַנדווערקער-מאַסען, זיי צעמענטירען אַלס איין גרוי-סען געזונדטען ווירטשאַפטליכען און געזעלשאַפטליכען פּח. און ווען מען פערטראַכט זיך אַביסעל טיעפער, ווען מען אַנאַליזירט אָביעקטיוו די יודישע געזעלשאַפטליכקייט, מוז מען פאָרט קומען צום אויספיהר, אַז דאס יודישע האַנדווערקערטום קאָן און דאַרף שפּי-לען אַ זעהר וויכטיגע ראָלע אין ווירט-שאַפטליכען, ווי אין אַלגעמיין-יודישען לעבען בכלל, ווייל עס איז די צאָהל-רייכסטע פּראָדוקטיווע יודישע שיכט אין דער געזעלשאַפט, ווייל וואס פאַר אַ ראָלע שפּילט צום ביישפּיעל דער יודישער פּראָלעטאַריאַט לגבי דעם נישט-יודישען, שוין נישט רעדענדיג וועגען דעם איינפלוס אויפ'ן ווירט-שאַפטליכען לעבען? און דאס יודישע סוחר'טום? פון איין זייט די גרויסע סוחרים, וועלכע זענען אמת אַ זעהר אַנגעזעהענער ווירטשאַפטליכער עלע-מענט, אָבער ליידער ווערט זייער איינ-פלוס מיט יעדען טאָג קלענער. און וועגען די גרויסע מאַסען יודישע קליינ-הענדלער קען מען דאָך נישט רעדען, ווי וועגען אַ פּראָדוקטיווען יודישען שיכט...

ליידער איז די געזעלשאַפטליכע ראָלע פון יודישען האַנדווערקערטום לעצטענס וואס אַמאָל ווייניגער אַנגע-זעהען. עס האט נישט יענעם איינפלוס סיי אויפ'ן יודישען, סיי אין אַלגעמיי-נעם לעבען. דער יודישער בעל-מלאכה איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ טראַ-גישע פיגור. ער האט נישט דעם איינ-פלוס אויף זיינע אינטערעסען, נאָר ער ווערט געוואָרפען אַהין און צוריק דורך אַנדערע עלעמענטען. ער איז נישט קיין סוביעקט פון זיין אייגענער זאַך, נאָר אַנ'אָביעקט פאַר פרעמדע, וועלכע ווי-לען אויסנוצען די דאָזיגע גרויסע מאַ-סע פאַר פערשידענע צוועקען.

דער יודישער בעל מלאכה האט נישט קיין מול סיי אין זיין פּריוואַטען, סיי אין זיין אָרגאַניזאַציאָנעלען לעבען. אַ זעהר כאַראַקטעריסטישע ערשיינונג איז אויך דאס, וואס די יודישע אינטעלי-גענץ, וועלכע איז, ביי יעדער בעווע-גונג אויף דער יודישער גאַס, בייהיל-פיג ביי דער אָרגאַניזירונג און אָנפיה-רונג, טראָגט-ביי זייער קולטור און וויסען, איז ביי דער גרויסער יודישער האַנדווערקער-בעוועגונג אין אַ זעהר מינימאַלער צאָהל פערטרעטען. נאַטיר-ליך איז שווער צו אורטיילען וואס די סיבה דערפון איז, ווער עס טראָגט דאָ די שולד, צי מיר האַנדווערקער, צי די אינטעליגענץ. אָבער אַז עס פעהלט דעם יוד. בעל-מלאכה די קולטור און וויסען פונ'ם יודישען אינטעליגענט אין זיין אָרגאַניזאַציאָנעלען לעבען, קען ליידער נישט בעשריטען ווערען.

אַ בעזונדערע פראַגע איז די צו-שפּליטערונג, וואס איז לעצטענס ענט-שטאַנען אין פערשידענע שטעדט און שטעדטלעך צווישען די האַנדווערקער-מאַסען און עפּיס הערט מען גאָרנישט, אַז דאס פּראָוויזאָריום זאָל וועגען דעם עפּיס טהון, כאָטש אין דער ערשטער רייהע מוזען מיר זיין פעראייניגט, ווייל צוגלייך זענען אונזערע נויטען און געמיינזאַם דאַרפען מיר זיי בעקעמפען. און אויב פון אויבען, פון צענטער קומט נישט דער רוף, מוזען די מאַסען אַליין דאס טהון. זאָלען גערופען ווערען ראַ-יאָן-קאָנפערענצען, אויף וועלכע מען זאָל זעהען צו ווירקען, אַז די פעראיי-ניגונג פון אַלע האַנדווערקער זאָל צו-שטאַנד קומען. און דאַן מוז געשאַפען ווערען אויפסניי יענע צענטראַלע יודי-שע האַנדווערקער-אָרגאַניזאַציע, וואס זאָל לויט דער „טראַדיציע" פון די יאהרען 1924 ביז 1929 אַרומנעמען אין זיין גאַנצען אומפאַנג די לאַגע פונ'ם יודישען האַנדווערקערטום, ווייל יעדער טאָג ברענגט נייעס, פרישע צרות און מיר מוזען שטעהן אויף דער וואַך. ליי-דער בלאָזען יעצט נייע ווינטען אויף דער אַלגעמיינער פּאָליטישער גאַס, ווינ-טען, וואס, אויב מען וועט זיי נישט געגענווירקען, קאָנען זיי צוזאַמען מיט דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישען קריזיס אַראָבשווענקען דעם יודישען בעל-מלאכה פון האָריזאָנט.

אין יעצטיגען שווערען מאָמענט דאַרפען מיר דעריבער מעהר ווי שטענ-דיג ענטוויקלען אַנ'אויפקלערונגס-אַר-בייט, וועקען די האָפנונג און גלויבען אין אונזערע מאַסען. עס דאַרף קאָאָר-דינירט ווערען אונזער פּאָליטישע אַר-בייט אויף דער יודישער גאַס אין דער ריכטונג, אַז דאס יודישע האַנדווער-קערטום זאָל נישט שטעהען פון דער-ווייטענס און נישט געניסען פון דעם אויפלעבענדען און אויפבויענדען ארץ-ישראל. אַלעס פּאָזיטיוועס, וואס עס קאָן אונז נאָר דיענען אַלס האַנדווער-קער און יודען, מוז פון איצט אָן ווערען דאס דאָמינירענדסטע אין אונ-זער לעבען. דאַמאָלס וועט ווירקליך דאס פאָלק טראָגען דעם אויפקומען אין זיך.

*) זעה „טשענסט. צייטונג" נומ. 48—51 פ. י.

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

אַ שלום צי אַ חלום?...

אַ גרויסע פרייד האָט אַרויסגערופען אין דער גאַנצער יודישער וועלט די ידיעה, אַז ס'איז געקומען צו אַ שלום צווישען זשאַבאָטינסקי'ן און בן גוריון. דאָס האָט געהייסען מיט פשוט'ע ווער-טער, אַז ס'איז געלונגען אויסצומיידען אַ קאַטאַסטראָפע, וואס וואָלט חרוב געמאַכט דאָס יודישע לעבען און מיר וואָלטען נישט געטאָרט מעהר פאָ-דערן פון דער וועלט קיין רעכט, וואָ-רום אויב מיר קאָנען נישט צווישען זיך אַדורכקומען און מיר זענען גרייט צו פערגיסען ברודערליך בלוט, איז אַ סימן, אַז מיר זענען נישט רייף צו זיין מענשען און צו פערוואַלטען מיט אונזערע אייגענע ענינים.

ווי העסליך דער דאָזיגער ברודער-קאַמף האָט אויסגעזעהן, דערמאָנט זיך מיר, אַז ווען ס'איז צום ערשטען מאָל געקומען קיין טשענסטאָכאָוו דער פיה-רער פון די רעוויזיאָניסטען (איידער זיי האָבען זיך געשפּאָלטען) ה' מאיר גראָסמאַן און די לינקע האָבען בע-וואָרפען זיין אויטאָ מיט שטיינער; ווען ער איז ווידער צום צווייטען מאָל געקומען שוין אַלס יודענשטאַטלער, האָבען איהם ווידער די רעוויזיאָניסטען בעליידיגט. דאַן אַ גאַנצע רייהע אָנפאַ-לען, וואָס ס'האָבען פשוט געעקעלט, און דאָ פלוצים ווערען מיר געוואויר, אַז ס'איז געקומען צו אַ וואָפענשטיל-שטאַנד און ווייטער די ידיעה, אַז מען זעצט זיך אפילו אַוועק ביים טיש צוזאַמען צו אַרבייטען.

ווי ס'ווייזט אָבער אויס, איז נאָך דער שלום נישט מעהר, ווי אַ שעהנער חלום.

מען דערצעהלט, אַז אויף דער הי-גער קאָנפערענץ וועגען דער „קרן-היסוד"-אַקציע, צו וועלכער ס'זענען גערופען געוואָרען אַלע גרופּירונגען פון דער ציוניסטישער מחנה, האָבען די לינקע אויסערדעם, וואָס זיי האָבען געפאָדערט, אַז אויף דער אַקאַדעמיע פון „קרן-היסוד" זאָל פלאַטערן די רויטע פאָהן, אויך געשטעלט אַנ'אולטימאַ-טום. אַז מען זאָל נישט איינלאַדענען די רעוויזיאָניסטען, מיט וועלכע זיי זיי ווילען נישט זיצען ביי איין טיש.

דאַן דערצעהלט מען, אַז אויף דער אַקאַדעמיע האָבען די שלוחים פון „קרן-היסוד" אויך נישט געזשאַלעוועט קיין דברים קשים די רעוויזיאָניסטען, אויף וואָס די לעצטע האָבען פער-עפענטליכט אַ ביטערען פּראָטעסט-בריעף אין דער היגער, ווי אויך אין דער וואַרשאַווער פּרעסע.

דאַן הערט מען אויך פון דער זייט פון די לינקע-רעכטע פ. צ., אַז זיי זענען נישט מסכים מיט'ן געפּלאַנטען שלום און זאָגען צו ווייטער צו פיה-רען אַ קאַמף נעגען די פאַשיסטען.

טאָ, רבותי, וואָס וועט פאָרט זיין מיט אונזערע יודען, צי זענען זיי באמת אַ קריגעריש פאָלק, אַז מען קאָן זייער הייס בלוט נישט איינשטי-לען, נאָר ס'קאָכט און קאָכט און מוז רעוואָלטירען, און דער עיקר: וואָס איז געוואָרען מיט'ן וואָפענשטילשטאַנד פון די רעוויזיאָניסטען מיט דער הסתדרות, צי איז עס אַ שלום אָדער נאָר אַ בלויזער חלום?...

אַ קינדערהיים אָדער אַ אָכראָנקע?

שווערע טויזענדער זלאָטעס, שווייס און מיה האָבען די טשענסטאָכאָווער יודישע אַרבייטער מיט דער הילף פון די אַמעריקאַנער לאַנדסלייט אריינגע-לייגט און ענדליך אויפגעשטעלט אַ פּרעכטיגען בנין פאַר אַ פאָלקס-שול און קינדערהיים, וואו מען האָט ער-צויגען, געלערנט און געבילדעט דעם יודישען דור אין דער יודישער שפּראַך. איבערהויפּט איז די שולע געווען אַ מוסטער פון היגיענע און מאָדערנע איינריכטונג, און זי האָט בעפּרידיגט די פּרינציפּען פון דער יודישער אַרבייטער-בעוועגונג.

ס'זענען אָבער אַנגעקומען שלעכטע צייטען, איבערהויפּט האָבען די אַמע-ריקאַנער חברים אויפגעהערט צו שי-קען געלד, און דער עיקר שבעיקרים — די אייגענע חברים, וועלכע האָבען געפּרעדיגט די אידעען פון דער שו-לע, האָבען אַליין זייערע קינדער גע-שיקט אין די פּוילישע שולען. דאָס און נאָך אַנדערע סיבות האָבען גורם געווען, אַז די שולע זאָל פערלירען דעם באָדען פון אונטער די פיס און וואָס ווייטער איז זי געגאַנגען אַלץ מטה-מטה, ביז זי האָט זיך פערמאַכט.

איז אָבער ענטשטאַנען אַ פראַגע: וואָס טהוט מען מיט'ן הויז, וועלכעס האָט חובות און אויב מען זאָל עס נישט בענוצען, וועט עס אויסגעשטעלט ווערען אויף אַ ליציטאַציע, האָט מען צונויפגערופען עטליכע כלל-טהוערינס פון כלל ישראל און מען האָט זיך ביי זיי געבעטען מיטצוהעלפען צו קאָנען כאָטש עפענען די קינדער-היים. יענע האָבען נישט אָבגעזאָגט, אָבער פער-לאַנגט אַ קלייניגקייט..., אַז מען זאָל מיט די קינדער זינגען לידלעך אין דער פּוילישער שפּראַך און אויך רע-דען זאָל מען מיט זיי נור אין פּויליש.

ביי די אנהענגער פון דער שולע איז דאַמאָלס געווען אַ האַרבע שאלה: די שולע איז געשטעלט געוואָרען נאָר כדי צו לערנען אויף דער יודישער אינטעריכטס-שפּראַך, אויב נישט, זע-נען דאָך פערהאַנען אָכראָנקעס. זאָל מען ווידער נישט נאָכקומען דעם פערלאַנג פון די דאַמען, דאַן וועט מען דאָך נישט קענען עפענען די קינדער-היים. האָט מען נאָך לאַנגען ישוב הדעת בעשלאָסען, אַז מען זאָל אַלע צופרידענשטעלען: אי די דאַמען פון פּאַטראָנאַט, אי דאָס אייגענע גע-וויסען, און ווי עס אינפאָרמירען אונז די אַנהענגער פון דער קינדער-היים, לערנט מען דאָרט אויף ביידע שפּראַ-כען: סיי פּויליש סיי יודיש. לצים זאָ-גען, אַז מעהר פּויליש, ווי יודיש, נאָר דאָס איז שוין אַ קלייניגקייט.

די דאָזיגע שורות האָב איך אויפ-געשריבען נישט מיט קיין בייזער כונה, ווייל אויך דער שרייבער פון די שורות האָט אין זיינער צייט אַוועק-געלייגט אַ סך כח און מיה, ביז דאָס הויז איז אויפגעבויט געוואָרען. גיכער האָב איך צער, וואָס אַזאַ גרויסע אי-דעע, וועלכע איז מיר נאָהנט צום הארצען, איז חרוב געוואָרען און מיט אַ וועהטאָג אין האַרצען פרעג איך זיך, וואָס איז פון דעם אַלעם געוואָ-רען: אַ קינדערהיים אָדער אַנ'אָכראָנ-קע?

באמת ובאמונה.

די גמילת-חסד-קאַסע ביי דער קהלה, נאָכדעם ווי ס'איז אויסגעוועהלט גע-וואָרען די נייע פערוואַלטונג, אַרבייט זי באמת מיט גרויס פלייס און העלפט אַ סך יודישע קליינהענדלער און בעלי-מלאכות פון זייער שווערער נויט. אי-בערהויפּט מוז מען אַנערקענען, אַז דער פּרעזעס פון דער קאַסע, אַדוואָ-קאַט קאָנאַרסקי, פערדינט דעם גרעס-טען יישר כח פאַר זיין איבערגעגע-בענער אַרבייט און דער עיקר, אַז אויסער אַרבייט לייגט ער אַריין אויך —

יוסף שאיא, ווייעלון.

ראס כפרה-היהנדעל.

די וועלט איז הפנים שוין אזוי געשטעלט, אז זי מוז האבען א קרבן. אזוי גוט ווי דער שעפער פון דער וועלט פערלאנגט קרבנות, אזוי אויך די נאטור-כחות, וואס ער האט בעשאפען, מוזען האבען זייערע קרבנות.

דאס וואסער אין טייך.

עס זעהט אויס צו זיין א רוהיג בעשעפעניש, וואס טשעפעט קיינעם נישט, קריך דו מענש נאר נישט צו טיעף אין זיין אינגעווייד, רייץ זיך נישט צו פיעל מיט איהם, וועט עס דיר גארנישט טהון. פערקעהרט, עס וועט דיר נאך געטריי דיענען, דיך טראגען אויף זיין שויס, דיך, דיינע שיפלעך און שיפען, און אפילו זיך לאזען איינשפאנען ווי א הכנעה'דיג פערדיל און לאזען אויסנוצען זיינע כחות פאר'ן מענש, ווי צו טרייבען מיהלען, צו פראדוצירען עלעקטרישע קראפט א. ד. גל.

אבער קוק נאר אן דאס געהארכזאם און רוהיגע בעשעפעניש, ווען עס צובייזערט זיך, ווען עס פערלאנגט קרבנות, דאמאלס וועסטו זעהן אין וואסערע מורא'דיגע היה עס ווערט פערוואנדעלט, מיט וואסערע ווילדקייט עס רייסט זיך ארויס פון דער שטייג, ווי עס צורייסט, מאכט א תל, שלעפט-מיט אלץ, וואס עס טרעפט נאר אן אויפ'ן וועג און בערוהיגט זיך נישט פריהער, ביז עס האט זיך שוין גענוג זאט געגעסען מיט קרבנות.

אזוי איז עס אויך מיט די איבריגע כחות הטבע, מיט דעם פייער, מיט דעם ווינד, מיט די הימלען און אפילו מיט דער ערד, וואס בנוגע איהר איז דער מענש שוין זיכער געווען, אז דאס איז א ליימענער גולם, וואס לאזט מאכען מיט זיך וואס מען וויל און ווייסט נישט מעהר ווי צו דיענען דעם מענש, צו וואס עס איז בעשאפען געווארען מששת ימי בראשית — און אט אפילו דער אונבעוועגליכער פערשטיינערטער קלאס איז פערהאנען, אז ער צובייזערט זיך און דאמאלס איז וועה צו די מענשען און חיות און צו די אלע, וואס האבען זיך רוהיג און זיכער זייערע נעסטען אין איהר געבויט. דער טיעף-בעהאלטענער צארן און דורשט נאך קרבנות ברעכט אויס אין צווייערליי שרעקליכע אופנים.

דער בארג עפענט א מויל און הויבט אן שפייען מיט א מורא'דיגען גיהנום-פייער און ער בערוהיגט זיך נישט פריהער ביז ער האט נישט מיט זיין גליהענדע לאווע פערצערט טויזענדער קרבנות און געמאכט א תל עולם פון אלעם, וואס מענשען האבען ארום איהם געשאפען און געבויט. אדער דער קאלטער קלאס-ערד גיט זיך ערגיץ וואו א טרייסעל—און חורבן און פערוויסטונג ארום און ארום...

די וועלט איז, ווייזט אויס, געשטעלט, אז אפילו די איתנו הבריאה מוזען האבען קרבנות און עס מאכט נישט קיין אונטערשיעד צי פון זינדיגע מענשען, צי פון אינשולדיגע קינדער שלא טעמו טעם חטא—אלץ איינס.

און נישט נאר די נאטור, נאר אפילו דער מענש פערלאנגט קרבנות. אזוי דוכט זיך, אז דער מענש אלס בחור היצירה, וואס איז בעשאפען בצלם אלקים, איז סטאטעטשנע, ער טהוט אלץ, ווי עס דיקטירט דער דין ומשפט. עס איז אבער א טעות. אויך אין מענש ליגט א בעהאלטענע ווילדע חיה, וואס ברעכט אויס אין א מורא'דיגען צארן פון א געפעהרליכער בעסטיע, וואס דורשט נאך מענשען בלוט, נאך הרס, הרג ואבדון.

דער אונטערשיד איז נאר דער, וואס דער מענש איז קלוג, ראפינירט, כיטרע. און די, וואס זענען נאך קלוגער און האלטען די מאכט אין האנד, פיהלען ווען דער פאלקס צארן, ד. ה. דער חיה'שער אינסטינקט קען אויסברעכען, וואס קען זיך פאטאל פאר זיי ענדיגען און כדי לקדם את פני הרעה, אום די אייגענע הויט צו ראטעווען, ווייסען זיי מיט זייער שלויקייט צו לענקען דעם צארן אויף אנדערע, פערשטעהט זיך אויף שוואכערע פון זיי, אז דער צארן זאל זיך ביי יענע אויסלאזען, מיט יענע זעטיגען זייער הונגער נאך קרבנות און אזוי ארום זענען זיי זיך מציל.

אזוי-ארום ווערען די שוואכע, די אומשולדיגע דאס כפרה-היהנדעל, דער שעיר לעזאזל, וואס מיר יודען פיהלען עס אויף אונזער הויט אזוי לאנג ווי מיר זענען אין גלות און מיליאנען אונשולדיגע יודען האבען פאר יעגעמס זיגד אויסגעהויכט זייער נשמה.

אבער נישט בלויז אין בעצוג פון פאלק צו דער מאכט פערלאנגט דער אויסברוך פון צארן קרבנות, גאר אויך אפילו אין בעצוג פון איין פארטיי צו דער אנדערער. שנאה אויפ'ן פארטייאישען באדען איז אויך גענוג געפעהרליך, כדי אימשטאנד צו זיין אויפצוועקען ביים מענש די חיה, וואס דורשט נאך קרבנות.

און אזוי ווי עס קריסטעלט זיך — יודעלט זיך. ביי אונז, יודען, האבען מיר אויך געהאט גאר נישט לאנג די טרויעריגע געלעגענהייט צו זעהען וואס פארטיי שנאה קען, צו וואסערע ווילדע אויסשרייטונגען עס האט געקאנט דערגעהן צווישען די צוויי געגנערישע פארטייען מפא"י און רעוויזיאניסטען און אויף ווי ווייט איינע האט נישט געקענט איבערשמערצען — צום גוטען געדאכט — וואס דער קרבן פון זעהען געהאנגענע צוויי אונשולדיגע געגנערישע יונגעלייט האט זיך ארויסגעגליטשט פון אונטער די הענד.

אבער אהן שעיר לעזאזל געהט עס נישט. עס מוז שוין עמיצער זיין דאס כפרה-היהנדעל, אויף וועלכען מען מוז אויסלאזען דעם אויסדרוק פון כעס און צארן, מיט איהם צו זעטיגען דעם חיה'שען אינסטינקט.

און דאס כפרה-היהנדעל איז אבא אחי מאיר, וועמען מען האט פאר נישט און פאר ווידערנישט, צוערשט פאר א פאלשען בלבול, דערנאך פאר א מכלומר'שטען מלוכה-פערראט אויפ'ן גרונד פון די געפונענע פאראדאקסאלע נאטיצען, וואס האבען קיין שום ממש נישט — אבגעהאלטען און אויסגעמוטשעט 18 חדשים אין דער עכו'ער תפיסה און איצט געהט מען ערשט ביי איהם און ביי ד"ר ייבין צוליבען די א"י בירגערשאפט און דעפארטירען פון לאנד.

זיי, הייסט עס, זענען געפעהרליך פאר דער רוה אין לאנד, נאר אזעלכע געפעהרליכע קאמוניסטען ווי אדוואקאט שטיין וסיעתו, וואס רייצען כסדר די אראבער געגען די דארטיגע מאכט — די זענען נישט געפעהרליך און זיי דארף מען נישט ארויסשיקען.

אבער וואס נוצט דא רעדען וועגען יושר און גערעכטיגקייט, ווען עס האנדעלט זיך וועגען א כפרה-היהנדעל, וואס מיר יודען ווייסען אמבעסטען, וואס דאס בעדייט.

די 6-טע רעוויזיאניסטישע וועלט-קאנפערענץ אין קראקא.

(פון אונזער קארעספאנדענט).

ווער עס קען דאס טאג-טעגליכע לעבען פון קראקא, מיט איהר שטילקייט און געלאסענקייט, קאן לייכט בעמערקען, אז עס קומט דא פאר עפיס אזאלכעס, וואס רודערט אויף די שטאדט,

באלד ביים ערשטען אנקום פון באהנהויף, ווארפען זיך אין די אויגען די צעהנדליגער מונדירטע בית"רים, חיילים און רעוויזיאניסטישע מאטראסען, וועלכע מאכען דורך די ים-שולע א. נ. „זבולון" און אנדערע אוניפארמירטע יונגעלייט.

ביז-איצט זענען שוין אנגעקומען דעלעגאטען פון כמעט גאנצען ערד קוגעל, פון די ווייט-פערווארפענסטע פונקטען פון דער וועלט. אממייסטען שטוינונג רופען ארויס די בית"רים פון כינע און מאנדזשוריען. זיי געפינען זיך דא אין א צאהל ביז 20 מאן, א טייל איז געוועזענע רוסישע בירגער, איינגעוואנדערטע קיין כארבין, די אנדערע ווידער געבוירענע אין כינע, וועמעס עלטערן וואוינען שוין דארט מכמה יאהרען און דערפאר איז טאקי זייער אויסקוק אינגאנצען עהנליך צו כינעזער, זיי האבען אויך מיט זיך מיטגעבראכט אייניגע זשורנאלען און צייטונגען, וועלכע זיי גיבען ארויס אין דער העברעאישער און רוסישער שפראך.

היינט זונטאג, דעם 6-טען איז פארגעקומען די ערעפנונג פון דער 2-טער בית"ר-קאנפערענץ.

די ערעפנונגס-רעדע האט געהאלטען אין דער יודישער און העברעאישער שפראך, דער ראש-בית"ר זאב זשאבאטינסקי, די יעניגע, וועלכע האבען שוין געהאט די געלעגענהייט איהם צו הערען צעהנדליגער מאל זענען מודה, אז אזא רעפעראט מיט אזוי פיעל יוגענד-ברען, מוט און ענערגיע האבען זיי איהם נאך נישט געהערט רעדען, אחוץ אויף דער ציוניסטישער קאנגרעס-טריבונע אדער מיט צעהנדליגער יאהר צוריק — אין זיינע יוגענד-יאהרען. דאס בלויזע בעווייזען פון זשאבאטינסקי'ן אין א בית"ר-מונדיר אויף דער טריבונע, האט ארויסגערופען א געוואלדיגען שטורם פון אפלאדיסמענטען, ווייל זשאבאטינסקי האט שוין זינט דעם יודישען לעגיאן קיין מונדיר נישט געטראגען. אין זיין 3-שעה'דיגען רעפעראט האט ער טאקע געזאגט, אז דעם מונדיר האט ער היינט אנגעטהון בכדי אויסצודריקען אנערקענונג די בית"רים פאר זייער אויסגעהאלטענקייט אין משך פון דעם טרויעריגען בלבול יאהר.

בשעת דעם רעפעראט ווערען געמאכט גרויסע אוואציעס פאר סטאווסקי'ן און ראזענבלאט'ן, וועלכע געפונען זיך אויפ'ן זאל.

מיט צארן און וועהטאג דערמאנט אויך זשאבאטינסקי די אונגעהויערע עולה, וואס ווערט בעגאנגען לגבי אחי מאיר'ן און ד"ר יובין.

זשאבאטינסקי רעדט אויך מיט בעגייסטערונג וועגען הרב הראשי קוק און צום סוף דערמאנט ער וועגען די פערשטארבענע חיים נחמן ביאליק און באראן ראטשילד, וועמענס אנדענקען ווערט בעעהרט דורך אויפשטעהן.

איצט קומען פאר די ווייטערע קאנפערענצען פון בית"ר. דינסטאג איז די ערעפנונג פון די הצה"ר-קאנפערענץ און פון אלע ציוניסטישע גרופירונגען. וועגען דעם אין צווייטען בריעף.

עזריאל יאקובאוויטש

געלד.

זעלטען-ווער פון אונזערע כלל-טהוער, וועלכע וואלטען געוואלט כאטש גאנצע הייפענס מיט כבוד, האבען ליעב זיך צו לאזען קאסטען געלד. און דא אין דער גמילת-חסד-קאסע, זענען ווי מען שמועסט, פערהאנען שווערע טויזענדער זלאטעס, וועלכע ס'האט אריינגעבראכט איהר. קאנארסקי.

לעצטענס האבען זיך געוואנדען צו דער גמילת-חסד-קאסע א סך צענדליגער קליינהענדלער און האנדווערקער נאך הלוואות, כדי צו קענען אויסקויפען פאטענטען. פערשטעהט זיך, אז קיין געלד איז נישט געווען; דאך האט דאס נישט געשטערט, אז זיי זאלען דאס געלד בעקומען, ווייל פרעזעס קאנארסקי האט ווידער אויסגעבארגט אויפ'ן דאזיגען צוועק דעם נויטיגען סכום געלד.

דאס זעלבע איז ווען מען דארף געבען יודען הלוואות, ס'איז נישט פערהאן קיין פאל, אז יענער זאל נישט בעקומען צוליעב מאנגעל אין געלד.

און נאך א כאראקטעריסטישע זאך: זינט די נייע פערוואלטונג האט איבערגענומען די לייטונג איז נאך קיין איין וועקסעל נישט פראטעסטירט געווארען, אלע צאהלען. אין דער צייט, ווען פון דער פריערדיגער לייטונג זענען פערהאנען שווערע טויזענדער פראטעסטען.

נישט צו חנפע'נען, נאר דעם ריינעם אמת געמיינט, מוז מען זאגען אפען און אויפריכטיג, אז אדוו. קאנארסקי ארבייט אין דער גמילת-חסד-קאסע באמת ובאמונה.

לעבעדיג און פרעהליך „עמך"!

בנוהג שבעולם, טאמער וויל מען האבען א פאנד פאר א געוויסער אינסטיטוציע, ווי, למשל, פאר א שפיטאל, יתומים-הויז, „בית-לחם" אדג"ל — וואס טהוט מען? ארדענט מען איין א פערוויילונג, מען דינגט א זאל, ארקעסטער, בופעט, אפישען, און שפעטער פערקויפט מען בילעטען. דער עולם קומט זיך ווייזען, און בעת מען וויילט זיך, ווערען דעריוויל די קראנקע און ארימע געהאלפען...

דערמיט טהוט מען א זעהר גוטע זאך. די געזונטע אין די זאטע ווייזען זיך, האבען א הנאה פון גאט'ס וועלט און פאר די קראנקע און הונגעריגע ווערט זיין געלד.

פערהאנען אפילו אפיקורסים, וועלכע טענה'ן, אז אויב די גאנצע פערוויילונג איז נאר געמאכט געווארען ספעציעל פאר די קראנקע, וואלט אפשר געווען א פלאן, אז די אלע, וועלכע קויפען די בילעטען, שענקען אויפ'ן בופעט, זאלען דאס טהון אהן א באל. ד"ה זיי זאלען זייער חוב ערפולען, נאר דער באל זאל נישט פארקומען. וועט מען דאמאלס נישט דארפען פון דעם געלד אויסגעבען אויף א זאל, ארקעסטער, אפישען, בעדינונג אז"וו, ווארום צווישען אונז זאל עס בלייבען, טרעפט זעהר אפט, אז ביי אזא אימפרעזע בלייבט נישט אפילו קיין צובראכענער צווייער פאר די נצרכים, דאגעגען טרעפט אפט, אז מען לייגט גאר צו. אבער דאס זענען ווי איך האב פריהער געזאגט אפיקורסישע רייד. אז מען דארף האבען א פאר גראשען פאר ארימע, מוז מען זיי ארויסנעמען אונטער די קלאנגען פון אנ'ארקעסטער, אפט-מאל פון... א נישט-יודישען, און דער עיקר — טאנצענדיג.

אזוי זענען שוין די ברואים, וואס רופען זיך מענשען. מה שאין כן ביי אונזער „עמך" שער און אייזען.

דער שניידער-צעך פון די בעשטעלטע שניידער, וואס זענען ערשט נישט לאנג געווען די מיוחסים פון „עמך", זענען היינט אויף צרות און א סך פון זיי געפונען זיך אין א זעהר קריטישען צושטאנד. האבען די עלטסטע פון צעך בעשלאסען צו גרינדען א הילפס-קאסע, כדי צו קענען צו-הילף קומען די, וועלכע נויטיגען זיך דערין. האבען זיי צוזאמענגעלייגט א ביסעל געלד און כדי צו האבען א גרעסערען פאנד, האבען זיי אויך בעשלאסען צו בעקומען עס טאנצענדיגערהייט און צו דעם צוועק איינגעארדענט א פערוויילונג.

שלום עליכם שילדערט דעם יוה. שניידער אלס א פרעהליכען קבצן. דער היינטיגער שניידער, כאטש ער האט אזוי פיעל צרות וועגען וועלכע א שמעון אלי שמע קולינו האט אפילו נישט געח"ום'ט, האט ער אבער דאך נישט פערלוירען זיין פריהליכקייט. און טאקע אויף דער פערוויילונג איז געווען אזוי הארציג פרעהליך, אזוי נשמה'דיג אנגענעהם, אז מען קאן עס מיט ווערטער נישט אויסדריקען. און דער עיקר, וואס ביי זיי איז נישט געגאנגען די חלה אין דער המוצא אריין, ווארום אויסער דעם ארקעסטער, א ריין יודישער, וואס האט געקאסט א קליינע פאר גילדען (די מוזיקאנטען זענען אויך ארבייטסלאזע און נויטיגען זיך אויך אין הילף) האט זיי מעהר גארנישט געקאסט און די גאנצע הכנסה, וואס איז גראדע געווען א גאר נישט-קשה'דיגע, איז אריינגעפאלען אין דער הילפס-קאסע. און דער עיקר שבעיקרים — עס איז געווען לעבעדיג און פרעהליך; זיי האבען אויף א פאר שעה פערגעסען אין זייערע טאג-טעגליכע צרות. זייענדיג אויף דער פערוויילונג האט זיך געוואלט אויסשרייען: זאל לעבען „עמך"!

דיכטער און פאעטען.

ווער ס'ארבייט אין א צייטונג ווייסט פון דער פלאג, וואס הייסט פאעטען און דיכטער, וועלכע פולען אן די רעדאקציע-קוישען מיט צעהנדליגער און הונדערטער ארטיקלען.

נישט אלע מאל קאן מען זיך אבער ארויסדרעהען פון אט די דאזיגע „טאלאנטען" און „טאלאנטעלעך", זיי דערגעהן די יאהרען, ביז זיי פייניגען ארויס, אז זייערס אנ'ארטיקעל זאל געדרוקט ווערען און דאמאלס ביזטו שוין דאס חיות נישט זיכער, זיי וועלען דיך בעשיטען מיט ארטיקלען ווי מיט מאן.

ווער שמועסט די פארטייאישע שרייבערלעך—דאס איז גאר א צרה, יעדער חבר פון דער פארמיי האלט זיך פאר א גרויסען פובליציסט און מיר בעקומען ארטיקלען וועגען אזעלכע פראבלעמען, וואס ס'וועט זיך נישט ערלויבען כ'ווייס ווער.

מיט איין ווארט: דאס מין שרייבערייי פון די פערשידענע „זשורנאליסטען" פערביטערט אונז דאס לעבען, דעריבער האב איך אויפגענומען מיט פרייד די ידיעה, אז ביי די פערשידענע פארטייען האבען זיך געגרינדעט אזעלכע אזוי-גערופענע „לעבעדיגע צייטונגען", וועלכע ווערען געלעזען אויף די איינגעארדענטע „הערבאטקעס", וואס קומען פאר זעהר אפט.

בין איך געווען אויף אזעלכע צוויי הערבאטקעס ביי די היגע רעוויזיאניסטען, וואו מען האט געלעזען די „לעבעדיגע צייטונג", וואס זאל איך אייך דערצעהלען, רבותי, מיינע אויערען האבען זיך אנגעהערט מיט אזוי פיעל פאעזיע און פובליציסטיק, אז דאס גלעזיל טהעע איז מיר אזש פערקיהלט געווארען. עס האט ממש געהאגעלט מיט א ים פון שרייבערץ און וואס האט איהר אלץ נישט דארט „געלעזען"? פון א ליער ביז א בריעף אין רעדאקציע און אלץ, וואס איהר האט נאר געוואלט און זאגאר נישט געוואלט...

אין הארצען האב איך זיך געפרעהט, כאטש אז מען וויל שמועסען צוריק, זענען זיי דאך מיינע קאנקורענטען און ווער ווייסט וואס זיי קאנען מיר נאכאמאל אנטהון, נאר דאך, לפי שעה, האב איך געהאט א גרויסע הנאה, טראכטענדיג: גיט ארויס וואס מעהר לעבעדיגע צייטונגען, ווייל ביי מיר קלויב איך און בראקיר און דא — אין דער צייטונג קאנען זיי שרייבען „סקאלקא וולעזעס".

א טייערע זאך, די לעבעדיגע צייטונג, אלע שרייבערלעך קאנען ענדליך זיך ארויסזאגען וועגען אלע וועהטאגען וואס דריקען זייער פאעטישע נשמה. זיי קאנען דארט בעווייזען, אז זיי זענען די אמת'ע פאעטען און דיכטער...

נישט אלץ פאר דער גאלעריע.

אונזערע יודישע באקסער פון „מכבי" קענען בלי ספק גערעכענט ווערען פאר איינע פון די בעסטע דרוזשינעס. מען דארף א קוק טהון למשל, ווי אזוי עס קעמפט יאסעלע זילבערבערג, בינדער, שיין, כוואט און אנדערע און אפילו די אנפענגער ווייזען ארויס א גוטע טעכניק, אזוי, אז אויך די קריטעליכע בעזוכער פון די מעטשען זענען געווארען חסידים פון אונזערע יודישע יאטען, א ברכה אין זייערע הענד.

דערביי מוז מען אבער אויפמערקזאם מאכען אויף איין ערשיינונג, וואס דארף אין דער צוקונפט אויסגעמיטען ווערען און דאס אויף דער אדרעס פון דעם גוטען באקסער כליוונער.

מען האט איהם צופיעל געלויבט, ער איז צופיעל זיכער אין זיך און ווען ער נעהט ארויף אויפ'ן רינג, האט ער אין זינען צו מאכען שעהנע זשעסטען פאר — דער גאלעריע; דאס נוצט דערוויל אויס דער געגנער און דער שטאלצער כמעט זיכערער כליוונער, בעקומט פון זיין געגנער געריבען די מארדעס.

ליעבער, טייערער יאט כליוונער! די דאזיגע ביטערע ווערטער זאג איך נישט צוליעב א שלעכטער כונה, פערקעהרט, טאקי, ווייל איהר זענט א וואוילער יאט און קאנט אונז ברענגען א נצחון, נאר איהר טהוט פערנאכלעסיגען אייע'ע אויפגאבען. והראיה, ביים לעצטען מעטש האט איהר דאך געקאנט געווינען און אויב איהר האט רעמיזירט, איז עס נאר צוליעב אייער שולד, ווייל איהר האט געשפילט פאר דער גאלעריע.

ניין, חבר לעבען, אין ענין באקס, בעת דער געגנער קוקט נאר ארויס אויף דער געלעגענהייט אייך צו פאקען, קאן מען נישט דאמאלס אין זינען האבען די גאלעריע.

נעמט אייך דאס אין זינען אריין.

לויתן

פּאַר קינדער אונטערטעבאַר Mydło Bebe Szofmana

ווילוּנער נייעס.

עס ווערט אויפגעטהון א דבר גדול, וואָס וועט זיכער אויפגענומען ווערען מיט צופרידענהייט דורך דער גאַנצער שטאָדט.

די פראַגע פאַרוואָס ס׳איז ביי אונז אין שטאדט פערהאַן אַ פיין איינגעאָר־דענטער „הכנסת אורחים“ בלויז פאַר מענער און פאַר פרויען נישט, איז מעהר ווי איינמאָל אויפגעשוואוּמען אויף די שפאַלטען פון אונזער צייטונג. מיר האבען געשטעלט די פראַגע, וועלכע די בנות צלפחד האָ־בען געשטעלט: „למה יגרע חלקנו“? — צי דערפאַר, ווייל די אָרימע אדורכ־וואַנדערער זענען פון פרויען־געשלעכט, מעגען זיי נעכטיגען אויף דער גאַס, אָדער אין שמוציגע פערדעכטיגע מלינות, וואו עס האַלט זיך אויף שמוץ און אויסגעלאַסענקייט און עס אַהרט קיינעם נישט פונקט ווי פרויען וואָלטען קיין מענשען נישט געווען?

עס איז אונז אויסגעקומען מעהר ווי איינמאל בייצוּוואוינען ווי אָרימע יו־דענעס, וועלכע זענען געקומען אין הכנסת אורחים אָבגעמען „אָבפערטיג־געלד“, האבען מיט קנאה געקוקט אויף דעם גרויסען, וואַרימען און ליכטיגען צימער און אויף דעם בלאַנק־ווייסען בעטגעוואַנד און האבען פשוט נישט געוואלט אַרויסגעהן, זאָגענדיג מיט פערביטערונג: „פאַרוואס זאָרגט עץ בלויז פאַר מאַנסבילען, פאַרוואס זאָרגט עץ פאַר אונז נישט? וואס זענען מיר אָרימע נקבות זינדיג, אַז מיר זאלען מוזען זיכען ערגיץ אין אַ שמוציגען קעלער איבערצונעכטיגען און דערפאַר נאך בעצאָהלען 30 גראָשען און טיילמאָל 50 גר.“?!

עס איז ווירקליך געווען הארצריי־סענד צו הערען די גערעכטע טענה פון די דאזיגע אומגליקליכע פרויען, וועלכע דער גורל האט אַזוי האַרט בע־שטראָפט.

די פוריגע וואָך איז געווען אַ פאַל, ווען 4 אָרימע פרויען זענען צווישען מנחה און מעריב אין אַ פראָסטיגען אָוונד אַריינגעפאַלען אין גערער שטי־בעל מיט פיצלעך קינדער אויף די אָרעמס, זאגענדיג, אַז זיי האבען שוין נישט קיין כח אַרומצוזוכען אַן אָרט וואו איבערצונעכטיגען און קענען נישט געפינען. די פרויען האבען פשוט נישט געוואלט פערלאָזען דאס שטיבעל, ערשט פישל שפּירא און בינם ראָטשילד הא־בען זיך איבער די יודענעס דערבאַ־רימט און זיי אַנגעוויזען ערגיץ אויף די בלאַניעס וואו איבערצונעכטיגען. אַזעלכע פאַקטען געהערען נישט צו די זעלטענהייטען. ווייל עס טרעפט גאַנץ אָפט.

ענדליך האט דעם פערג. זונטאג אויף אַ זיצונג דער קאָמיטעט פון „מעות עניים און הכנסת אורחים“ בע־טראכט די פראַגע און בעשלאָסען פאַר־לויפיג צוצוטרעטען אויסצופערטיגען איין גרויסע שטוב אויפ׳ן ערשטען שטאָק פון הכנסת־אורחים־בנין מיט א בעזונ־דערן איינגאַנג און דאַן, אויב עס וועט זיך אַרויסווייזען פאַר צו ווייניג, וועט מען קלערען וועגען א צווייטען צימער.

פערשטעהט זיך, אַז דאס איז אַן אונטערנעהמונג, וואס איז פערבינדען מיט גרעסערע הוצאות, אָבער דער קאָמיטעט האָפט — און דאס גלויבען מיר אויך — אַז די שטאָדט וועט דעם קאָמיטעט צו הילף קומען אויסצופיהרען די וויכטיגע אונטערנעהמוּנג פון פער־פולקאָמען דעם הכנסת אורחים, וואס וועט זיין אַ שטאָלץ פאַר אונזער שטאָדט.

אַ גרויסער באַנקראָט־פּראָצעס פאַר׳ן געריכט.

דאָס קאַלישער קרייז געריכט אויף זיין סעסיע אין ווילון האט די פערג. וואָך געהאט צו בעטראכטען אַן אָנ־קלאָגע מצד די פּראָקוראָטור געגען אַ באַנקראָטירטען סוחר, וועלכער האָט זיך אָנגעבאָרגט גרויסע סומען פון פריוואָטע פערזאָנען, אויסבעהאַלטענ־דיג דאָס פערמעגען, אַז די בעלי חובות זאָלען נישט קענען גובה זיין און נעמליך געגען דעם נעוועזענעם מאָנאָפּאָל־בע־זיצער פון טאבאַק־אויסאַרבייטונגען־פערקויף, אַרטור יען, וועמען׳ס באַנ־קראָט עס האט זיינער צייט (אין יאָהר 1932) אויפגערודערט גאַנץ ווילון. עס האבען אויך פערנומען די בעשול־דיגונגס־באַנק קארל קרויזע און יוליאן שולץ (שוואגער און איידעם פון יען) אַלס מיטהעלפער אויסצובעהאַלטען דאָס פערמעגען.

דער בעשולדיגונגס־אַקט וואַרפט פאַר יענען, אַז איבערנעמענדיג אין יאָהר 1922 די קאָנצעסיע אויף אַ הורטאָווניע פון טאבאַק, האט ער אויסער דאָס הויז אין ווערט פון 22.000 זל. אויף וועלכען ער האט געגעבען דער מאָנאָ־פּאָל־דירעקציע אַן׳עוויקציע אויף 15.000 זל., האט ער נישט געהאַט קיין שום בעטריבס־קאַפּיטאַל צו פיה־רען דאָס געשעפט און ער האָט רק זיך אָנגעבאָרגט געלד און פאַר יע־נעמ׳ס געלד האט ער געקויפט אַ הויז (פּלאַץ לעגיאָנוב 7) פאַר 50.000 זל. ביז ער האט זיך אָנגעבאָרגט די גרוי־סע סומע פון 90.000 זל. (די בעלי חובות צוו. אַנדערע זענען: אַנדזשעי טאָפּער 15.000 זל., לעאָן שטשעטשינ־סקי 10.000 זל., ערנסט וועקווערט 8.000 זל., חערמאַן שיקע 6.000 זל., פּוילינא רען 6.000 זל., פרידריך ער־ליך 5.000 זל., זאָפיאַ ווישניעווסקאַ 9.000 זל., גינציעל 42.25 זל., גרוי־בערט 4.000 זל., גענדזיעראָווסקי 5.000 זל. און פיעל אַנדערע). אַ חודש פאַר׳ן אָבשטעלען די צאָהלונגען האָט ער אַרויפגעלאָזט אויף דער היפּאָטעק אויף 35.000 זל. זיין שוואגער קרויזע. אויך האט ער די טאבאַק אַרטיקלען, וועלכע זענען נאָך געבליבען אין געשעפט — לויט ווי עס ווייזען די אַקציז ביכער — אין ווערט פון 16.200 זל. אויסבעהאַל־טען, פון וואָס עס איז געווען בעוואוסט זיין איידעם יוליאַן שולץ.

יען האָט זיך נישט מודה געווען צו דער שולד. ער האָט ערקלערט, אַז ער האָט נישט געהאט קיין שום כוונות עמיצען צו בעהאַלטען, נאָר די גרויסע פּראָצענטער האבען איהם צוגעפיהרט צום רואין, אַז די היפּאָטעק איז נישט פיקטיוו, נאָר ער איז פאַקטיש שולדיג געווען קרויזע׳ן דאָס געלד פאַר באַר־געלד, פאַר זשירעס און פאַר גאַראַנ־טירען דער דירעקציע פון טאַבאַק־מאָ־נאָפּאָל די סומע פון 20.000 זלאָטעס. דאָס זעלבע האָט ערקלערט קרויזע, און אמענדע יוליאַן שולץ — אַז ער ווייסט נישט פון קיין שום אויסבעהאַלטונגען.

נאָכ׳ן אויסהערען די פיעל עדות, די רעדעס פון 5 אַדוואָקאַטען מצד די פערטייד. און מצד די ציוויל־תביעה פון אויך פון פּראָקוראָר האט דאס גע־ריכט אַרויסגעטראָגען א בעפרייאונגס־אורטייל געגען די בעשולדיגטע.

מעלדונג פון דער קבוצה.

מיר מעלדען דערמיט, דאס מיר הא־בען זיך איבערגעצויגען אין א נייער דירה אויף טוראָווסקא 19, אין נייעם הויז. מיר נעמען אָן אַלערליי אַרביי־טען צום אויספיהרען, ווי: איבערפיה־רען משאות פון אָרט צו אָרט, האַקען האָלץ, היטען פאַבריקען און געוועל־בער, ווי אויך אַלערליי פרויען־אַרביי־טען. אַלע אַרבייטען ווערען אויסגע־פיהרט רעיעל און פונקטליך.

די קבוצה.

טשענסטאָכאָווער נייעס.

אייזערנע קוישען מיט ברענענדען קאָקס אין די גאַסען.

די הויפּט־פּאָליציי־קאָמענדע האט פעראָרדענט, אז אין די גרעסערע שטעדט זאָלען אָוועקגעשטעלט ווערען אייזערנע קוישען מיט ברענענדען קאָקס אין דער נאָהענט פון די פּאָסטענס, וואו עס שטעהען דיזשורירענדע פּאָליציאַנ־טען.

די דאָזיגע פעראָרדנונג איז אַרויסגע־געבען געוואָרען אין צוזאַמענהאַנג מיט די גרויסע פרעסט, וואס הערשען זייט עטליכע טעג אין גאַנצען לאַנד.

אויך אין טשענסטאכאָו זענען אַזעל־כע וואָרימע קוישען מיט קאָקס אָוועק־געשטעלט געוואָרען אין פערשידענע פּונקטען פון דער שטאָדט.

פון דער חברה „תומכי עניים“ (גוט־שבת־יודעלעך).

פון דער חברה „תומכי עניים“ טיילט מען אונז מיט, אַז פערגאַנגענעם שבת איז דורך די „גוט שבת־יודעלעך“ געזאַ־מעלט געוואָרען 350 קילאָ חלות און ברויט הוץ א קליינעם סכום צוקער און אייער.

די געזאַמעלטע פּראָדוקטען זענען גלייך פערטיילט געוואָרען צווישען 250 בעדערפטיגע בכבוד׳ע פאַמיליעס, וואס צעהלען אַרום 1000 נפשות.

די דאָזיגע ציפערן זענען דער בעס־טער בעווייז פון דער נוצליכער טעטיג־קייט פון דער חברה תומכי־עניים און דאס דאַרף בעוועגען די גאַנצע היגע יודישע בעפעלקערונג אונטערצושטיצען מיט וואס איינער קען די חברה, וועלכע ראַטעוועט־אָב פון א הונגער־טויט הונ־דערטער יודישע אָרימע בכבוד׳ע פאַמי־ליעס.

היינט פרייטאָג „דער אורטייל“.

ס׳וועט נישט זיין איבערטריבען, ווען מיר וועלען זאָגען, אַז די אויפפיהרונג פון „אורטייל“ דורכ׳ן היגען דראַמאַטי־שען קרייז וועט זיין א געשעהעניש פון ערשטע מדריגה.

די פּיעסע איז גוט איינגעפּעטירט ביי דער מיטאַרבייט פון אַרטיסט פון לאָדזער קאַמעראַל טעאַטער משה קאַהן און דער גאַנצער אַנסאַמבל, וועלכער בעשטעהט פון די בעסטע כחות קלאַפּס, אַזוי, אַז דאס וועט זיין א הערליכע פאָרשטעלונג, וואס ס׳קומט זעלטען אויס די טשענסטאכאָווער טעאַטער־ליבהאַבער צו זעהן.

די פּיעסע, וואס שפּיגעלט אָב די קאַמ־פען פון דער ווייסער מיט דער רויטער אַרמעע אין די יאָהרען 1918—1920 איז רייך אין שפּאַנענדע מאָמענטען און עמאָ־ציע. „דער אורטייל“ וועט אויפגעפיהרט ווערען מיט אייגענע דעקאָראַציעס און קאָסטיומען. עס וועט צושפּילען א גע־העריגער אָרקעסטער און ס׳וועלען אויס־געפיהרט ווערען אָריגינעלע רוסישע טענץ.

איילט אייך דעריבער און קויפט אויס די בילעטען, וואס זענען צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה׳ באָטשאַן, אַלעע 6 און פון 6 אָוונד ביי דער קאַסע פון טעאַטער.

די פאַבריקען ווערען איינציגווייז געלאָזט אין גאַנג.

דעם 7 ד. ח. איז געלאָזט געוואָרען אין בעטריעב די פאַבריק פון האָלץ־אויסאַרבייטונגען „סטרוג“ אויף אַלשטינ־סקאַ 1, וואו עס זענען דערווייל צוגע־נומען געוואָרען צו דער אַרבייט 33 אַרבייטער.

דעם 8 ד. ח. האט ווידער געעפענט אַרבייטען די פאַבריק פון צעלולאָיד־אויסאַרבייטונגען „קאָסמאָס“, וואו עס זענען צוריק צוגענומען געוואָרען אלע 73 אַרבייטער, וועלכע האבען פריהער געאַרבייט.

די פאַבריק פון מעסערס און אַנדערע מעטאַל־אויסאַרבייטונגען „סטאַל“ האט דערווייל צוגענומען בלויז 25 אַרבייטער. די איבריגע 39 וועלען אַנגאַזשירט ווע־רען ווען ס׳וועט זיך אָנהויבען דער סעזאָן.

פון דער יוד. ג. פ. ל.

אין די נאָהנסטע טעג וועט אָנהוי־בען איהר טעטיגקייט א פאָטאָגראַפישע סעקציע, וועלכע אָרדענט־איין א קורס פון פאטאגראפישער קונסט פאר מיט־גלידער און נישט מיטגלידער. דער פּראָגראַם זעהט־פאר טעאָרעטישע לעק־ציעס, פּראַקטיק און ספּעציעלע פאטאָ־גראַפישע אויספלוגען. איינשרייבונגען און אינפאָרמאַציעס אין סעקרעטאַריאַט.

די גימנאַסטישע סעקציע פאר דאַמען האט אָנגעהויבען איהר טעטיגקייט. איינשרייבונגען אויך פון נישט־מיטגלי־דער ווערען ווייטער אָנגענומען.

זונטאַג, דעם 13 ד. ח. וועט פאַרקו־מען אַן׳אויספלוג אויף שליטענס און שליטלעך נאָך אָלשטין מיט אַטראַקציעס, ווי: סקיערינג, פאטאגראַפישער קאָנקורס, שליטלען זיך, סקי א. ד. גל. איינשריי־בונגען ווערען אָנגענומען ביז׳ן 12 ד.ח. פון 9 ביז 10 אָוונד. צוזאַמענטרעף אין לאָקאַל פון י. ג. פ. ל. (אלעע וואָל־נאָשטשי 2) פונקליך 9 פריה.

שבת וועט פאַרקומען ווי געווענליך א דאַנסינג. אנהויב 10 אָוונד.

פּאָליציי - אָבלאָוועס.

דינסטאָג א גאַנצען טאָג איז אַדורכ־געפיהרט געוואָרען א פּאָליציי־אָבלאָווע אויפ׳ן שטח פון ערשטען און צווייטען קאָמיסאַריאַט. בייגאַכט איז פאָרגעקומען אַן׳אָבלאָווע אויפ׳ן שטח פון דריטען קאָמיסאַריאַט, וועלכער נעמט־אַרום אָס־טאָטני גראָש, ראקאוו און די אָרומיגע גאַסען. אין רעזולטאַט זענען אין אויס־פאָרשונגס־אַמט געבראַכט געוואָרען עט־ליכע צעהנדליגג פערדעכטיגע פערשוי־נען, וועלכע האבען זיך אויסבעהאַלטען פאָר דער מאַכט שוין זייט א לענגערער צייט.

אַ דאַנק די אָפטע אָבלאָוועס, וואס זענען לעצטענס אַדורכגעפיהרט געוואָ־רען האט זיך לעצטענס בעדייטענד פערקלענערט די צאָהל גנבות אין שטאָדט.

אויפטריט פון אידאַ קאַמינסקאַ מיט איהר אַנסאַמבל לטובת דעם זקנים און יתומים־הויז.

אויסנוצענדיג די אָנוועזענהייט פון דער בעליבטער קינסטלערין אידאַ קאַמינסקאַ מיט איהר גלענצענדען אַנ־סאַמבל אין טשענסטאָכאָוו, האט די פערוואַלטונג פון זקנים און יתומים־הויז אָבגעקויפט איין פאָרשטעלונג, פון וועל־כער די ריינע הכנסה וועט געהן פאר׳ן זקנים און יתומים־הויז.

דער דאָזיגער אויפטריט וועט פאָרקו־מען קומענדען דינסטאג, דעם 15 ד. ח. אין פייערלעשער־זאַל. עס וועט געשפּילט ווערען וויניטשענקא׳ס העכסט־אינטערע־סאַנטע דראַמע „מוטערשאַפט“ אין 4 אַקטען, וועלכע האט אַזוי שטאַרק אויס־גענומען ביים היגען פּובליקום.

ס׳איז צו ערוואַרטען, אַז די היגע בעפעלקערונג וועט אונטערשטיצען די אימפּרעזע פון דער אַזוי נוצליכער אינ־סטיטוציע, האָבענדיג דערביי דעם גייס־טיגען גענוס צו זעהן א גוטע פּיעסע אין אַן׳ערשטקלאַסיגער קינסטלערישער אויספיהרונג.

בילעטען־פאָרפערקויף אין דרוקעריי פון ה׳ באָטשאַן, אַלעע 6.

פון דער יודענשטאַטס־פּאַרטיי.

שבת, דעם 12 ד. ח. 8.30 אָוונד ווערט איינגעאָרדענט אַ טהעע אָוונד, אויף וועלכען ח׳ איצקאָוויטש וועט איבערגעבען זיינע לעצטע רייזע איינ־דרוקען פון ארץ ישראל.

פון „דבורה“.

פרייטאָג ד. 11־טען ד. ח. וועט אין אייגענעם לאָקאַל פאָרקומען אַ רעפע־ראַט פון אינזש. אָרלינסקי א. ד. ט. „דער פּאַלעסטינא־מאַנדאַט אין ענג־לאַנד“.

פון ברקא״י.

שבת, דעם 12־טען ד. ח. 3.30 נ. מ. וועט ח׳ וואקסמאַן האַלטען אַ רעפע־ראַט. אַלע אחים ות מוזען אונבעדינגט זיין אַנוועזענד.

פון ברית הצה״ר.

שבת, דעם 12 טען ד. ח. 8 אָוונד קומט־פאָר א גלעזעל טהעע. גלייכצײ־טיג וועט אָבגעגעבען ווערען אַ בע־ריכט פון דער רעוויזיאָניסטישער וועלט־קאָנפערענץ אין קראקא. איינגאַנג פריי פאַר חברים און סימפּאַטיקער.

פון בע״ם.

פרייטאָג, דעם 11־טען ד. ח. 7.30 אָוונד קומט־פאָר אַן׳איבערזיכט פון די פּרעסע בעריכטען וועגען דער רע־וויזיאָניסטישער וועלט־קאָנפערענץ אין קראקא, געפיהרט דורכ׳ן ח׳ לפּידות.

שבת, דעם 12־טען ד. ח. 2.30 נ. מ. קומט־פאָר די ווייטערע לעקציע „יודי־שע געשיכטע“, געפיהרט דורכ׳ן פּראָפ. ב. וויינבערג. איינגאַנג פאַר חברים און סימפּאַטיקער.

אַ בריעף אין רעדאַקציע.

אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן בריעף פון ועד ברית־הצה״ר צום קרן היסוד די־רעקטאָריום אין פּוילען, וועלכער איז געווען געדריקט אין דעם פריעגען נו־מער פון „טשענסטאָכאָווער צייטונג“, שטעלט פעסט דער אָרטיגער קרן־היסוד־קאָמיטעט, אַז די בעשולדיגונגען פון ועד ברית־הצה״ר געגען די חברים ד״ר שיפער און רעד. נ. גערבאָווסקי שטימען נישט מיט דער ווירקליכקייט.

רעד. נ. גערבאָווסקי האט אפילו קיין איינמאָל נישט דערמאַנט אין זיין רעפעראַט דעם נאַמען „רעוויזיאָניסט“ אָדער „זשאַבאָטינסקי“, קיין איין אפילו עטוואָס שאַרפער אויסדרוק געגען ווע־מען עס איז, איז פון זיין מויל נישט אַרויסגעבראַכט געוואָרען.

ד״ר שיפער האט שוין יאָ דערמאַנט די רעוויזיאָניסטען מיט זייער מנהיג ה׳ זשאַבאָטינסקי, אָבער דוקא אין זעהר אַ גינסטיגער פאָרם, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם געשלאָסענעם שלום אָבמאַך צווישען דער עקזעקוטיווע און די רע־וויזיאָניסטען.

אַזוי אַז אין די אַלע בעהויפּטונגען פון ועד ברית־הצה״ר געגען די חברים ד״ר שיפער און רעד. נ. גערבאָווסקי איז קיין איין וואָרט אמת נישטאָ.

פאַר׳ן קאָמיטעט פונ׳ם קרן־היסוד אין טשענסטאָכאָוו:
(—) י. יאָכימאָוויטש.

ווען געברויכט מען
Togal
ביי רעאומאטיזם, פאדאגרא נערווען און קאָפּ־שמערצען, גריפּע און פערקיהלונגען דינען די טאגאל־טאבלעטקעס אויסגעצייכענט. זיי פערלייכטערן זעהר. צו בעקומען אין דער נאָהנטסטער אַפּטייק.

נייע באַהן-טאַריפען.

פון 1-טען אַפּריל ד. י. זאָלען איינגעפיהרט ווערען נייע טאַריפען אויף די באַהנען. די קאָמיסיע, וועלכע בעשעפטיגט זיך מיט'ן רעווידירען די טאַריפען ענדיגט שוין איהר אַרבייט. אַלע איצט-פערפליכטענדע טאַריפען, וואס זענען איינגעפיהרט געוואָרען אויף פּרוב ביז ענדע פון 1-טען קוואַרטאַל ד. י. זאָלען אַנולירט ווערען.

אויסגעמיטען אַ אַרבייטער-רעדוקציע אין דער פאַבריק „וואַרטאַ".

אין דער פאַבריק „וואַרטאַ" זענען געקינדיגט געוואָרען 400 אַרבייטער, וועלכע זענען מיט עטליכע חדשים צוריק צוגענומען געוואָרען, כדי אויסצופערטיגען עטליכע גרעסערע בעשטעלונגען אויף עקספּאָרט. כדי אויסצומיידען די דאָזיגע רעדוקציע, האָבען זיך אָבער די איבריגע אַרבייטער פון דער פאַבריק סאָלידאַריזירט און זיי זענען גרייט געוועזען אָבצוטרעטען עטליכע אַרבייטס-טעג זייערע חברים, וועלכע זענען בעדראָהט דורך דער רעדוקציע. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט זענען פאָרגעקומען אונטערהאַנדלונגען צווישען די אַרבייטער און דער דירעקציע פון דער פאַבריק. עס זענען שוין אויך פאָרגעקומען צוויי קאָנפערענצען אין אַרבייטס-אינספּעקטאָראַט און די אַרבייטער האָבען אפילו אינטערווענירט וועגען דעם ענין ביים סטאַראָסטא ה' ראָגאָווסקי, וועלכער האָט זיי פערשפּראָכען אונטערצושטיצען די פאָדערונגען פון די אַרבייטער.

אין רעזולטאַט פון די אונטערהאַנדלונגען צווישען די אַרבייטער-פאָרשטעהער מיט דער פערוואַלטונג פון דער פאַבריק איז ענדליך געקומען צו א הסכם און די דירעקציע האָט בעשלאָסען צוריקצוציהען די רעדוקציע מיט'ן בעדינג, אַז אַנשטאָט 3 טעג וועלען איצט די אַרבייטער זיין בעשעפטיגט 2 טעג אין דער וואָך.

אין קורצען קורט קאַטש!

ווער האָט גענומען די טעקע?

וואַלעריא סענדזימיר (וואַשינגטאָנא נר. 65) האָט דעם 8 ד. ח. אין פּאַסאַזשיר-צוג קראָקע—טשענסטאָכאָוו איבערגעלאָזט איהר טעקע און דורך א טעות צוגענומען א פרעמדע טעקע. אין איהר טעשעל האָבען זיך געפונען פערזענליכע דאָקומענטען און פערשידענע קליינינקייטען, ווי אויך 2.50 זל. געלד.

היגיענע פון קינד.

א האַרמאָנישע דערגענצונג פון דעם אַלגעמיין-געניצטען „שאַפּמאַנ'ס פודער בעבע" איז די אויסגעצייכענטע „שאַפּמאַנ'ס בעבע זייף", אַנ'איבערגעפּעטשטע זייף פאַר קינדער און דערוואַקסענע מיט א דעליקאַטער הויט. א דאַנק „שאַפּמאַנס זייף בעבע" מאַכט די הויט פריש, געזונד, עלאַסטיש, ווידערשטאַנדספעהיג אויף אַלערליי הויט-קראַנקהייטען. מיט איין וואָרט זי בליהט. שאַפּמאַנ'ס בעבע-זייף, איז א היגיענישע זייף, אויסגעאַרבייט פון ספּעציעל צוגעקליבענע פעטסען. יעדע פאַרטיע זייף ווערט אַנאַליזירט אין די לאַבאָראַטאָריעס פון דער פירמע „ווו-על-קאַ". דערביי ווערט געלעגט אַכט אויף דעם איבערפעטסען „שאַפּמאַנ'ס בעבע-זייף", ענטשפּרעכענד צו דער דעליקאַטער הויט פון א קינד אָדער אַנ'אַנדערער עמפּינדליכער הויט. עס האַנדעלט זיך וועגען נייטראַליזירען דאָס אַלקאַלישע ווירקען, וועלכעס איז אונשעדליך אין געוועהנליכער זייף, אָדער קען פערשאַפען הויט - קראַנקהייטען ביי דער עמפּינדליכער הויט פון קינדער און דערוואַקסענע. „שאַפּמאַנ'ס בעבע-זייף" איז פערפּומירט מיט אַנ'אָריגינעלער און סובטעלער קאָמפּאָזיציע, וואָס ענטהאַלט נאָר די בעסטע נאַטירליכע שמעקאייל'ען אָהן שום קינסטליכע אייל'ען, וואָס ענטהאַלטען טיילמאָל כלאָר און הידראָקאַרבורען, וועלכע ווירקען דעסטרוקטיוו אויף דער הויט.

ד"ר ס. א.

4 יודישע מיידלעך פער'משפט פאַר קאָמוניסטישער טעטיגקייט.

אונטער'ן פאָרזיץ פון ריכטער נאָקאָנעטשני איז מיטוואָך פאָרגעקומען אין היגען קרייז-געריכט א פּראָצעס געגען די יודישע מיידלעך: מ. וואָלקאָוויטש, חנה קאַץ, ש. גאָטליב און פייגל שלאָמאָוויטש, וועלכע האָבען זיך געפונען אונטער דער בעשולדיגונג, אַז דעם 9 פּאַזשדזיערניק פ. י. האָבען זיי אויף פּרושעכאַדניא גאַס פונאַנדערגעוואָרפען קאָמוניסטישע פלוג-בלעטלעך.

די בעשולדיגטע, וועלכע זענען יונגע מיידלעך פון 17 ביז 19 יאָהר, זענען דעם קריטישען טאָג בעמערקט געוואָרען אויף פּרושעכאַדניאַ גאַס דורך א געוויסען יוזעף סטרזשעלטשאַק און יאַן קיעלעשיאַק אין דער צייט, ווען זיי האָבען פונאַנדערגעוואָרפען פלוגבלעטלעך אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן שטרייק אין פעלצער'ס פאַבריק. די זעלבע ערקלערונגען האָבען סטרזשעלטשאַק און קיעלעשיאַק איבערגעחזר'ט אין געריכט. די פערטיידיגער דאַגעגען (אדוו. פּאַטשאַרקאָווסקי און אדוו. דאָרף) האָבען אָנגעוויזען אויפ'ן פאַקט, אַז די בעשולדיגטע זענען נישט געכאַפּט געוואָרען בעת מעשה, נאָר די בעשולדיגונגס-עדות האָבען זיך בלויז משער געוועזען, אַז דאָס האָבען זיי די פלוגבלעטלעך פערשפּרייט.

נאָך א בעראַטונג האָט דאָס געריכט אַרויסגעטראָגען אַנ'אורטייל, לויט וועלכען אַלע בעשולדיגטע זענען פער'משפט געוואָרען צו 18 חדשים יעדע. נעמענדיג אָבער אין אַכט, אַז זיי זענען יונג און ביז איצט נישט געוועזען בעשטראָפט, איז דאָס אויספיהרען פון אורטייל אָבגעלעגט געוואָרען אויף 5 יאָהר.

קורט קאַטש — אַלס סערזשאַנט גרישא.

באַל פון „ברית-החיל".

דעם 19 ד. ח. אַרדענט-איין די היגע אָבטיילונג פון „ברית-החיל" א באַל מיט פיעל אַטראַקציעס, פון וועלכען די הכנסה געהט אויף צו פערגרעסערן די פאָנדען פון דער אָרגאַניזאַציע. די אָרגאַניזאַטאָרען בעטען די היגע יודישע בעפעלקערונג אָנצונעמען די בילעטען אויפ'ן באַל, וואָס וועלען די טעג פונאַנדערגעשיקט ווערען.

זוהן האָט אויסגעהאַקט אַנ'אויג זיין פאָטער.

אין דאָרף פּרזשיסטיין איז דעם 2 פּאַזשדזיערניק פ. י. אויסגעבראָכען א געשלעג צוליב פאַמיליע-ענינים צווישען דעם 60 יעהריגען וואויטשעך שישקאַ און זיין זוהן יאַן. אין געשלעג האָט זיך אַריינגעמישט אַנ'אַנדערער זוהן יוזעף, וועלכער האָט דעם פאָטער א זעץ געגעבען אין אויג מיט עפּיס א האַרטען געגענשטאַנד, אַזוי, אַז דער אַלטער איז בלינד געוואָרען אויפ'ן לינקען אויג.

אין געריכט, וואו דער פּראָצעס איז עהערנעכטען פאָרגעקומען האָט דער אַלטער שישקא אויסגענוצט זיין רעכט נישט צו געבען קיין ערקלערונגען, כדי נישט צו בעלאַסטען זיינע זיהן.

נעמענדיג אין אַכט, אַז דער פאָטער און זוהן האָבען זיך שוין איבערגעבעטען, האָט דאָס געריכט זיי פער'משפט צו 6 חדשים תפיסה יעדען, בעשליסענדיג אָבצולעגען דאָס אויספיהרען די שטראָף אויף 3 יאָהר.

די קאָנסומענטען האָבען ס'וואָרט.

דער פאַבריקאַנט קען אָמבעסטען די מעלות פון איהר סחורה, וואס זי עמפּפעהלט אָפּט און איהר פּראָפּאַגאַנדע נישט וויסענדיג איבערהויפּט צי די קאָנסומענטען טהון אַזוי שעצען איהרע מעלות. די פאַבריק קאַלאָנטאַי איז געפאַלען אויפ'ן געדאַנק פרעגען זיך וועגען דעם דירעקט די ווירטין. די בעסטע ענטפערס אויף 3 פראַגען וועגען זייף קאַלאָנטיי מיט'ן וואַש-ברעטיל וועלען ווערען בעפרידיגט מיט ווערטפולע פּרעמיעס.

נאַכט-דיזשורען אין די אַפּטייקען.

היינט ביינאַכט דיזשורירען פאָלגענדע אַפּטייקען: אַלטער מאַרק און 7 הייזער גאַס.

געהאָלט בעגנב'ענען די „קולטור-ליגע" צי די האַנדווערקער-באַנק?

נעכטען אינדערפריה, ווען די אָנגעשטעלטע פון דער ביבליאָטעק פון דער געז. „קולטור-ליגע" (אַלעע 12) זענען געקומען צו זייער אַרבייט, האָבען זיי, צו זייער גרעסטער איבעראַשונג, דערזעהן, אַז די טהיר פונ'ם לאָקאַל שטעהט אָפען און אין צימער נישט ווייט פון דער טהיר, שטעהט אויף דער דיל די שרייב-מאַשין, אַזוי ווי די גנבים וואָלטען זי געווען צוגעגרייט אַרויסצוטראָגען.

מ'האָט גלייך מודיע געווען וועגען דעם גנבה פרוב אין אויספאָרשונגס-אַמט און די אַראָבגעקומענע אויפ'ן אָרט אַגענטען האָבען פעסטגעשטעלט, אַז די גנבים האָבען זיך אַריינבעקומען אין לאָקאַל מיט דער הילף פון צוגעפּאַסטע שליסלען. שוין זייענדיג אין לאָקאַל האָבען זיי אין ערשטען צימער אַראָבגעוואָרפען אַביסעל ביכער פון די פּאָליצעס און דאַן זענען זיי אַריין אין גרויסען זאַל פון דער ביבליאָטעק, פון וואַנען זיי האָבען צוגענומען די שרייב-מאַשין. אין דאָזיגען זאַל, וועלכער האָט א געמיינזאַמע וואַנד מיט'ן לאָקאַל פון דער האַנדווערקער-באַנק, וועלכע געפונט זיך אין זעלבען הויז, האָבען זיי אויף דער מויער מיט א שאַרף כלי געמאַכט א פיער-עקיגען צייכען אַזוי, ווי זיי וואָלטען זיך געגרייט אויסצוהאַקען אַנ'עפנונג, כדי זיך אַריינצובעקומען אין דער באַנק אַריין. די איינברעכער זענען אָבער וואַרשיינליך געשטערט געוואָרען אין זייער אַרבייט און זענען אַוועק, נישט צונעמענדיג גאָרנישט.

דער דאָזיגער פאַקט איז אויפפאַלענד, ווייל אין דער זעלבער וואַנד געפינט זיך א טהיר, וועלכע די גנבים האָבען אפילו נישט געפּרובט אויפרייסען. די אויספאָרשונגס-בעאַמטע אורטיילען דערפון, אַז די גנבים זענען נישט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלע קאַסע-ברעכער. די אויספאָרשונג ווערט פאָרטגעזעצט.

עגזיסטירט פון 1898 יאָהר.
אין דער גוט-בעקאַנטער
דרוקערייי פון
ב. באָטשאַן
1 אַלעע 6
טעלעפ. 22-01
ווערט אויסגעפיהרט שעהן און אַקוראַט אַלעראַרט דרוק-אַרבייט,
— ווי: —
בריעף - בויגען
קאָפּערטען
פּאָסט-קאַרטען
חתונה-קאַרטען
בראָשורען
קוויטאַריושען
אַפּישען
פלוג - צעטלען
קלעפּסידרעס
א. ד. גל. ביליגער ווי איבעראַל.
בעמערקונג: קלעפּסידרעס ווערען אויסגעפערטיגט און אויסגעקלעבט אין משך פון 1 שעה.

KINO „EDEN".
היינט און ווייטער.
Na fali wspomnień
דראַמע פון א מאַן, וועמעס געליעבטע פרוי האָט חתונה מיט אַנ'אַנדערן.
הויפּט-ראָלען:
גאַרי קופּער, פעי ריי
אויסער'ן פּראָגראַם: קאָמעדיע
Nie graj z żoną w bridgea
שבת און זונטאָג בייטאָג
42-GA ULICA.
אין קורצען דער וועלט-בערימטער טענאָר
יוסף שמידט אין פילם
„Świat należy do Ciebie.

פון ספּאָרט

„מכבי" בעזיעגט „סטאַדיאָן" (כאָרזוב) 6:10.

זונטאָג אָוועגד איז אין זאַל פון „מכבי" פאָרגעקומען א באָקס מעטש צווישען ספּאָרט קלוב „סטאַדיאָן" (כאָרזוב) און „מכבי" (טשענסטאָכאָוו), וועלכער האָט אַרויסגערופען גרויס פּעראינטערעסירונג.

טראָץ דעם, וואס „מכבי" שטעלט זיך צו די קאַמפען מיט א שוואַכערער מאַנשאַפט — אָהן בינדער'ן און מיט צוויי יונגע באָקסער, וועלכע טרעטען אַרויס צום ערשטען מאָל אין צווישענשטאָטישע קאַמפען — זיעגט „מכבי" דעצידירענד, איבערשטייגענדיג הויך די געגנער. „סטאַדיאָן" דערגרייכט די פונקטען נאָר אין פּאַפּיר-און פליגען-געוויכט, וועלכע זענען נאָך ביים „מכבי" אַביסעל שוואַך און לאָזען נאָך איבער א סך צו ווינשען.

די רעזולטאַטען פון די קאַמפען זענען פאָלגענדע:

פּאַפּיר-געוויכט: דער יונגער שוואַרצבוים פערשפּילט צו לודוויקאָווסקי—2 קנאָפּ אויף פונקטען.

פליגען-געוויכט: לאַנדוי קעמפט אַמביציעז, אָבער אָהן שום טעכניק און פערשפּילט צו אייזענבערג'ן אויף פונקטען.

האָהן-געוויכט: כוואַט בעזיעגט הויך אויף פונקטען יעלענ'עז.

פעדערן-געוויכט: דעם שענסטען קאַמף ווייזט אונז זילבערבערג, וועלכער נוצט אויס אַלע זיינע טעכנישע און פיזישע וואַלאָרען, בעשיטענדיג זיין געגנער מיט א האַגעל פערשידענאַרטיגע קלעפּ, פון וועלכע דער לעצטער ווערט צומישט און צוויי גוט-געצילטע קלעפּ שיקען זיין געגנער רעספּאַ אויף די ברעטער. זילבערבערג זיעגט דורך א נאָק-אַוט אין דער ערשטער רונדע.

לייכט-געוויכט: גראַנעק קעמפט מיט דעם זעהר שטאַרקען היבערעק. נאָך א פערביסענעם קאַמף זיעגט גראַנעק קנאַפּ אויף פונקטען. דער דאָזיגער רעזולטאַט איז פאַר גראַנעק'ן א בכבוד'ער, ווייל היבערעק האָט זיך אַרויסגעוויזען אַלס איינער פון די בעסטע באָקסער פון די געסט.

לייכט-געוויכט: כליוונער האָט, טראָץ זיין אָבגעשוואַכטער לינקער האַנד, אַנ'איבערמאַכט איבער דעם זעהר פלינקען לודוויקאָווסקי—1 אין דער ערשטער און דריטער רונדע. דער רעזולטאַט איז אָבער רעמי, וועלכער בעעוולה'ט כליוונער'ן.

האַלב-מיטעל-וואָג: דער יונגער ראַפּאַפּאָרט, וועלכער קעמפט צום ערשטען מאָל אין רינג און בעזיצט ווייניג רוטין, פערמאָגט אָבער א שמאַרקען קלאַפּ און שיקט זיין געגנער עטליכע מאָל אויף די ברעטער. דער קאַמף ענדיגט זיך אונענטשידען.

מיטעל-וואָג: שיין קעמפט וואס אַמאָל אַלץ בעסער. ער הויבט אָן דעם קאַמף אין א זעהר שנעלען טעמפּאָ און פיהרט איהם ביז'ן סוף. שיין איז שוין א רוטינירטער באָקסער און בעזיצט א גוטער אָריענטאַציע. ער בעזיעגט פּיעטרעק'ן דעצידירענד אויף פונקטען.

רינג-ריכטער ה' בריל — זעהר גוט.

מ. ק.

אינטערעסאַנטער באָקס-מעטש אין טשענסטאָכאָוו צווישען „צ. וו. ס." (וואַרשא) און „מכבי" (טשענסט.)

א דאַנק דער איניציאַטיוו פון טשענסטאָכאָווער „מכבי", וועלען די היגע ספּאָרט-ליבהאָבער האָבען די מעגליכקייט צו זעהן א סענסאַציאָנעלען באָקס-מעטש פון „מכבי" מיט איינער פון די בעסטע באָקס-מאַנשאַפטען פון וואַרשאָווער קרייז צ. וו. ס.

צ. וו. ס., וועלכע האָט היי-יאָהר געשפּילט אַנ'אָנגעזעהענעם ראָל אין די באָקס-מייסטערשאַפטען פון וואַרשאַווער קרייז און געהער צו די ערשטקלאַסיגע באָקסער-מאַנשאַפטען אין פוילען, קומט קיין טשענסטאָכאָוו אין זיין בעסטען צוזאַמענשטעל מיט קאַרפּינסקי, וויעטשאָרעק און שמיעך בראש.

די באָקסער פון „מכבי" וועלען אַלזא האָבען א שווערע אויפגאַבע אַרויסצוגעהן מיט כבוד. ס'איז דעריבער נישט קיין וואונדער, אַז דער אויסגאַנג פון די קאַמפען ווערט ערוואַרט מיט גרויס שפּאַנונג.

בילעטען זענען שוין צו בעקומען אין דער פירמע „אימפּעריאַל", פּילסודסקי גר. 7.

שלעזישער פינג-פּאָנג-מייסטער אין טשענסטאָכאָוו.

קומענדען זונטאָג, דעם 13 ד. ח. 6 אָוועגד קומט-פאָר אין לאָקאַל פון „הכח" (אַלעע וואָלנאָשטשי 16) א דריי-מעטש פון פינג-פּאָנג מיט'ן אָנטייל פון שלעזישען מייסטער „מכבי" (קרול.-הוטע). די אַנדערע צוויי אָנטיילנעמער פון מעטש זענען די היגע פינג-פּאָנג-מאַנשאַפטען פון „מכבי" און „הכח".

די מאַנשאַפט פון די געסט בעזיצט דעם טיטול מייסטער פון שלעזיען. פון זייערע שפּילער צייכענט זיך אויס פעלדמאַן, וועלכער האָט זיך אויסגעקעמפט די מייסטערשאַפט אין אַלע שלעזישע טורנירען און איז נאָר איינמאָל בעזיעגט געוואָרען דורך מאַוער'ן פון בענדינער „הכח". ס'ווערט אויך ערוואַרט אַנ'אַנדערער ערשטקלאַסיגער שפּילער נאַוואַרסקי.

דער מעטש וועט פאָרקומען אין פאָלגענדער אָרדנונג: 6 אָוועגד — „מכבי" (קעניגסהוטע) — „מכבי" (טשענסטאכאָוו); 7 אָוועגד: מכבי (קעניגסהוטע) — הכח (טשענסט.); 8 אָוועגד: מכבי (טשענסט.) הכח (טשענסטאכאָוו).

כדי צו פּראָפּאַגירען דעם פינג-פּאָנג-ספּאָרט, האָבען די אָרגאַניזאַטאָרען פון טורניר געמאַכט ביליגע איינגאַנגס-בילעטען צו 25 גר. אויף אַלע 3 מעטשען.

פינג-פּאָנג-מעטש סאָלווי (גראָדזיעץ) בליסקאָוויצאָ.

זונטאָג, דעם 13 יאַנואַר וועט פאָרקומען אין דער ספּאָרט-האַלע פון בליסקאָוויצא, אַגראַדאָווא 8, א פינג-פּאָנג-מעטש צווישען וויצע-מייסטער פון זאַגלעמביע „סאָלוויי" (גראָדזיעץ) און דער היגער „בליסקאָוויצא".

„סאָלוויי" געפינט זיך לעצטענס אין א גלענצענדער פאָרם און האָט נאָך אין היי-יעהריגען סעזאָן קיין איין מעטש נישט פערשפּילט. צווישען אַנדערע האָט זי בעזיעגט אַזעלכע געגנער, ווי דעם מייסטער פון דייטשען אויבערשלעזיען „שפּיעלפערייניגונג" פון בויטען 9:0, צ. ק. ס. (טשעלאַדז) 7:3 אאַ"וו.

„בליסקאָוויצא" גרייט זיך געהעריג צו, כדי דעם דאָזיגען מעטש פאַר יעדען פרייז נישט צו פערשפּילען און טרעט-אויף אין דער שטאַרקסטער אויסשטעלונג מיט'ן מייסטער פון טשענסטאכאָווער קרייז גאָלדבערג און מיט'ן ניי ערוואָרבענעם שפּילער ראָזענצווייג. אָנהויב 7 אָוועגד. 5 אָוועגד וועט פאָרקומען א פאָרמעטש.

Kino „LUNA"
ווידער צוריקגעקומען דער „מענש — מאַלפּע"
דזשאָני ווייסמיללער
אין פילם
MIŁOŚĆ TARZANA
מיט'ן מאָורין אָ'סאַלליוועז.
אויסער'ן פּראָגראַם
פּאַט און פּאַראַמאָונט - וואָך.

„ATLANTIC"
אַגראָדאָווא 14.
1001 ליעבעס-פּאַסירונגען פון גרעסטען באַנדיט פון 18-טען יאָהרהונדערט, וועלכער האָט מיט געזאַנג עראָבערט די פרויען-הערצער און זייער רייכטום
Brat Djabła
אין די הויפּט-ראָלען:
דעניס קינג
און די צוויי קאָמיקער-באַנדיטען
פליפּ און פלאָפּ.